STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00368

ALE SHRIFTEN

S. G. Frug

Permanent preservation of this book was made possible by
Sarge Korman Ruck
in memory of
Solomon & Clara Korman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org





אלע שריפטען

— פון —

ש. פרוג

ערשטער באנד.

פאעזיע.

היברו פאבלישינג קאמפאני

83־85 קאנאל סטריט ניו־יארק.

1910.

Copyrighted by the Heb. Pub. Co., 1910.

פאררעדע.

דיא אידישע פאעזיע, אין אונזער מאמע־לשון, האט זיך איהר גאנץ בעזונדערע וועלט: איהר אייגענעם הימעל; איהר ערד; איהרע געזעטצען פון שעהנקייט.

דיא אידישע פאעזיע האט איהר אייגענע פידעלע; איהרע גאנץ בע־זונדערע בלומען. אפילו איהרע אייגענע מלאכים.

אין איהר וועלטיל איז אפילו דאס לאכען א מין וויינען, קלאגען און קרעכצען: איהרע בלומען זיינען אביסעל גיפטיג און טויט־בלאס; איהר הימעל איז שטענדיג א ביסעל בלייערדיג־שווער, פערכמארעט, פערוואלקענט; איהרע שטערען — פערשלייערט און כמעט פינסטער; איהרע מלאכים — שווער־עלטע, אומעדיגע און ערנסטע גייסטער.

דיא אידישע פאעזיע האט בעקומען איהר קראפט און זאפט, איהר טיעפען זינן און איהר מענשליכע צורה ערשט אין אונזער צייט. אזעלכע דיכטער וויא מיר האבען יעצט, אין אונזער מאמע־לשון, האבען מיר נאך קיין מאל ניט פערמאגט.

און איינער פון אונזערע גרעסטע און בעסטע פאלקס־דיכטער איז שמעון שמואל פרוג.

* * *

איבער דאס אויסערע לעבען פון שמעון שמואל פרוג איז ניט פיעל צו דערצעהלען. זיין אינערעס לעבען דערצעהלען אונז זיינע ליעדער און פאעמען אין רוסיש, וויא זיינע דריי חלקים אין אידיש וואס ליגען דא פאר אייך.

קיין ספק דאס פרוג האט אונז געקענט פיעל מעהר דערצעהלען פון זיין אינערען לעבען, פון זיינע אינערע קעמפפע און ליידען אלס אונז איז בעקאנט. דער דיכטער דערלעבט אפט מייל אין איין שעה אן אייביגקייט, ער דרינגט צוזאמען אין איין מאמענט דיא קווינט־עסענץ, דעם תמצית, פון א גאנצ׳ן לעבען מיט זיינע אבגרונדען. אבער פרוג איז שטענדיג געווען צו קארג, צו שפארזאם, צו פערשווייגענד בנוגע צו זיין אייגענע לעבענס שילדערונג. ער טראגט ניט אויפ׳ן מארק דיא סודות, דיא רעטענישען פון זיין אייגענער נשמה. אין זיין אינערע „קדשי־קדשים" לאזט ער קיינעם ניט צו. זיינע זכרונות (ערינערונגען), וועלכע זיינען געוויס זעהר אינטערעסאנט, האט ער לעת עתה נאך ניט בעשריבען (און ווער וויים אויב ער האט, איבערהויפט, לוסט און קראפט זיי צו שרייבען); זיינע וידויים האט ער עפענטליך נאך ניט געזאגט. דען אין זיינע שירים האט ער אונז ניט אלעס געזאגט.

און דארום מוזען מיר זיך בעגנוגענען מיט דיא וויינינע אויסערע ליניען פון זיין ביאגראפיע, וואס אונז האט געלונגען צו בעקומען.

* * *

שמעון שמואל פרוג איז געבארען געווארען אין דעם יאהר 1860 (תרכ"א) אין דער אידישער קאלאניע באבראווי־קוט (אין חערסאנער גובערניע). זיין פאטער, משה צבי, איז געווען א פראסטער, עהרליכער, ארימער קאלאניסט.

דעם פרישען ערד־גערוך, דעם געזונדען פעלד־ריח און דיא שטארקע אנ־הייגגליכקייט, צוגעצויגענהייט צו דער ליעבער מוטער־נאטור, אין וועמענס שוים

ער, דער פאעט, האט פערבראכט זיין יוגענד, — דאס אלעס פיהלען מיר אין פיעלע פון זיינע ליעדער.

פרוג איז ביז היינט געבליבען, אין א געוויסער מדרגה, א פרייעס קינד פון דער פעלד און וואלד נאטור, כאטש דאס לעבען, דאס שווערע לעבען פון א אידישען דיכטער, האט אהן א צייט צוקנייטשט, צורונצעלט זיין דיכטער־שטערען, געבויגען זיינע שולטערן און געבראכען זיין גאנצען גוף. פרוג איז יונג אין אלט וויא זיין פאלק אליין.

דער קליינער פרוג האט, וויא אלע אידישע קינדער אין דער קאלאניע, געלערנט אין חדר, וועלכען ער האט נאכהער אין פערשיעדענע פון זיינע שירים אזוי מייסטערהאפט געשילדערט.

אין זיין ליעד א „חדר־מעשה" דערצעהלט דער דיכטער פון זיינע ערשטע חדר־יאהרען:

זיעבען יאהר איז מיר געווארען —
און דיא מאמע, זאל געזונד זיין,
האט געזאגט: „נו, צייט אין חדר,
צייט אין חדר געהן, מיין קינד
אוים, א סוף, גענוג געהוליעט
אויף דער וועלט, ארומגעפלויגען
פריי און גליקליך, וויא א פויגעל
פריש און פרעהליך וויא דער ווינד,
צייט אין חדר — קדיש מיינער!"

און דער בעהעלפער האט איהם „פערוויקעלט אין אן אלטען, געלען טלית" און געבראכט אין חדר אריין אין א ליכטיגען פריה מארגען, און דארט:

האבען שטראהלען זיך געגאסען
דורכ'ן פענסטעריל אין חדר
און געפינקעלט אויפ'ן רבי'ן
אויפ'ן סידור, אויפ'ן טיש.

און מיט גרויס ליעבע שילדערט פרוג זיין ערשטען רבי, רב בנימין, און זיין ערשטע לעהרע ביי'ן אנקומען אין זיין חדר:

„זאלסט מיט חשק לערנען תורה,
לערנען תורה, לערנען חכמה,
און געדענק, מיין קינד, ווער ס'וויל ניט
לערנען, בלייבט אויף אייביג בלינד..."

ליידער האבען זעהר וויניגע פון אונזערע אידישע דיכטער געפאלגט רב בנימין'ס עצה.

פרוג האט קיין מאל קיין גיפטיגעס, בייזעס ווארט געברויכט אין זיינע שילדערונגען געגען דעם אלטען אידישען חדר, אין וועלכען ער האט אליין געלערנט, וויא דאס האבען געטהאן פיעלע אונזערע גרויסע פאעטען, אין העברעאיש און אידיש. פרוג האט קיין מאל געמאכט דעם אלטען אידישען חדר פאר א העסליכע קאריקאטור. אפילו ווען ער שילדערט דיא שאטען זייטען פון חדר פיהלט זיך נאר, אין יעדער שורה, א טרויעריגער שמייכעל, א רחמנות־זיפץ און דאס אלעס בעגאסען מיט דעם פאעטישען חן:

דער קאנטשיק אויף דעם בענקעלע,
דיא טייטעל אויפ'ן טיש...
נו, לעבעדיגער, אינגעלע!
מיט חשק, שנעל און פריש!
דער רבי הוסט... אין שטוב איז איינג
מ'קאן דערדושעט ווערען...

איך אבער הער ניט און ניט זעה —
איך לערנ, לערנ, לערנ!...

און אין חדר האט דער קליינער קאלאניסטענ־קינד געלערנט תנ״ך *) און דער תנ״ך איז געווענ, אויף געבליבענ, זיין לעבענ. פרוג דערצעהלט אין א פריוואט בריעף, דאס דיא נביאים ישעיה און יחזקאל האבענ אויף איהם, נאך אלס קינד, געמאכט זעהר א שטארקענ, ניט פערגעסליכענ איינדרוק.

אין דעם יאהר 1869 איז פרוג אלס 9־יעהריגעס קינד אנגעקומענ אין דער דארף־שולע, וואו ער האט דריי יאהר געלערנט רוסיש לעזענ און שרייבענ. און דערמיט האט זיך געענדיגט זיין שול־בילדונג. זיין ווייטערע בילדונג איז ער זיך אליין שולדיג. וויא דיא מייסטע אידישע פאעטענ, וואס האבענ וואס געלערנט מעהר אדער ווייניגער, האט ער אלעס פונ זיך אליין געלערנט אהנ לעהרער, אהנ סיסטעם און פראגראם.

דער חדר מיט זיינע מלמדים האט אויף פרוג׳ס טאלענט, אויף זיין גייסט, אויף זיינע „ליעדער און געדאנקענ” פיעל מעהר איינדרוק געמאכט וויא דיא „דארף־שולע” מיט איהר לעהרע און איהרע לעהרער.**)

ווענ פרוג איז אלט געווארענ 16 יאהר האט ער זיך א „לאז געטאהן!” קיינ חערסאנ צו זוכענ מיטלענ צום לעבענ. וויא עס שיינט איז אין זיין עלטערענס הויז ניט צו־פיעל ברויט געווענ. וואהרשיינליך איז דער יונגער פרוג געגאנגענ קיינ חערסאנ ניט נור ברויט צו זוכענ, אבער אויך בילדונג און א תכלית אין לעבענ.

דער קאזיאנער רב פונ חערסאנ האט איהם גענומענ פאר א שרייבער אין זיין קאנצעלאריע. פרוג האט איהם געפיהרט דאס מעטריקעל־בוך. דער צוקונפטיגער דיכטער האט זיך נאך אין זיין פריהערעס יוגענד, אלס 15—14 יאהריגער אינגעל, בעשעפטיגט מיט קאנצעליי ארבייטענ ביי דעם משגיח פונ זיין קאלאניע.

אין חערסאנ, אין דער קאנצעלאריע פונ דעם קאזיאני־רב, האט זיך פרוג בעקענט מיט דעם אידישענ לעבענ פונ אלע זייטענ. ער האט דארט געזעהענ אידישע טרעהרענ, אידישע ארימקייט און ביטערקייט. דארט איז איהם בעקאנט געווארענ פיעלעס פונ אידישענ שטאדטישענ פאמיליענ־לעבענ, זיינע גוטע און שלעכטע זייטענ.

עס איז אפט זעהר נויטיג פאר דעם דיכטער, פאר דעם טרוימער און שווערמער קענענ צו לערנענ אויך דיא ניט פאעטישע זייטענ פונ לעבענ, דיא הארטע, פראזאאישע ווירקליכקייט.

אין חערסאנ האט זיך פרוג בעקענט מיט א קליינעם קריסטליכענ בעאמטענ, וועלכער איז געווענ דער קארעקטאר פונ דיא „גובערנסקיא וויעדאמאסטי” און קארעספאנדענט פונ דיא ארעסער רוסישע צייטונגענ. און דער דאזיגער זעהר ווייניג געבילדעטער טינטלער האט געוועקט אין פרוג׳נ זיין דיכטער טאלאנט. ער האט איהם געלערנט וויא מענ „מאכט” ליעדער.

---

*) אין דיא קינדער־יאהרענ האט פרוג נאר תנ״ך געלערנט, שפעטער האט ער זיך אויך אין מדרש און אין דער אלטער תלמוד׳ישער אגדה פערטיעפט. ר. ב.

**) איך וויים קיינ איינ איינציגע גערדיכט ביי פרוג׳ענ, ניט אין רוסיש און ניט אין אידיש, אין וועלכע ער זאל שילדערנ אדער בעזינגענ דיא „דארף־שולע”, וויא ער האט דאס אפט געטאהנ מיט דעם אידישענ חדר. ר. ב.

עס איז א געוועהנליכע ערשיינונג אין דער וועלט פון פאעזיע און קונסט, דאס בעשרענקטע, קליינע מענשען דערקענען, דערפיהלען און דערטאפען דאס טאלענט, דאס זשעניע דארט וואו דיא גרויסע גייסטער, דיא מפורסמים, מערקען דאס ניט און דאס דיא געוועהנליכע, דורכשניט־מענשען טראגען ביי צו דער ענטוויקלונג פון טאלענטען פיעל מעהר אלס דיא בעוואוסטע דיכטער אדער קינסטלער. דיא לעצטע זעהען ניט, אדער ווילען ניט זעהען דיא יונגע אויפ־שפראצענדע טאלענטען, און ווען זיי דערקענען און אנערקענען דיא „יונגע אדלער" בעמיהען זיי זיך, זעהר אפט צו אונטעריאכען זיי, אדער צו צושניידען זייערע פליגלען נאך זייער מוסטער, ווען ניט אין גאנצען אפשניידען.

דער אויבענגדערמאנטער קאררעקטאר האט, וויא עס שיינט, דערקענט אין פרוג'ען זיין פאעטישע נשמה און האט איהם געלערנט נאר דיא „ארבייט" דיא „כללים" פון א שיר, דיא „ריפמען שמידעריי", אבער צו דער נשמה פון זיין טאלענט האט ער זיך ניט צוגעריהרט. גם זו לטובה.

דיא וועלט ליטעראטור און קונסט געשיכטע ווייזט אונז, וויא אפט האט דער שעפפער־קינסטלער געלערנט, און מיט גרויס נוטץ, ביי דעם בעל־מלאכה.

* * *

דאס ערשטע געדיכט פון פרוג איז געדרוקט געווארען אין יאהר 1880 אין דער דאמאלסדיגער אידיש־רוסישער וואכענשריפט „ראזסוועט."

פרוג'ס דיכטער טאלאנט האט זיך ענטפלעקט, האט אויפגעבליצט פונקט אין דער צייט, ווען צווישען דיא רוסישע אידען האט דערוואכט, אויפגעלעבט דאס נאציאנאלע געפיהל. דאס איז געווען א בליץ פאר דעם גרויסען דונער, וועלכער האט פלוצלונג צוקלאפט, צומישט פיעל רוהיגע אידישע קעפ.

דאס איז געווען צוויי יאהר פאר דיא ערשטע פאגראמען אין דרום רוסלאנד.

* * *

שוין דאס ערשטע געדיכט פון פרוג'ען האט אין דער אידיש־רוסישע אינטעליגענטע וועלט געמאכט גרויס אויפזעהען. מ'האט גלייך דערקענט דאס דער לאנג ערווארטעטער אידישער פאעט איז געקומען.

און ער איז געקומען פריש, שטארק און עכט.

דיא רוסיש־אידישע ליטעראטור איז דאן געשטאנען אין איהר בליטהע צייט. דען ערשטען פלאטץ אין איהר האבען פערנומען דיא ערצעהלער יוסף ראבינאוויטש, ליב לעוואנדא און באגראוו. קיין יודיש־רוסישער פאעט פון ערגעץ וועלכער בעדייטונג איז אבער ביז פרוג ניט געווען. דער איינציגער רוסיש־אידישער דיכטער פון ווערטה איז יעווען מינסקי (ווילענקין); אבער ער האט זיך נאך דאן אין גאנצען, אלס מענש און אלס פאעט, אבגעזאגט פון זיין פאלק.

נו איז געקומען, מיט דרייסיג יאהר צוריק, אונזער פרוג מיט דעם תנ"ך אין דער האנד, מיט דער אידישער הארפע, מיט אונזערע זמירות און אונזערע קינות, מיט אלטע מאטיווען אין א נייע פארם. אונזער פרוג אין גייסט ווען אפילו ניט אין אונזער לשון.

און דער נייער פאעט איז גלייך געווארען בעקאנט און בעליעבט צווישען דער אידישער יוגענד.

און אין אנהויב פון דעם יאהר 1881 האט דיא אידישע אינטעליגענץ אראפגעבראכט פרוג'ען קיין פעטערבורג.

* * *

און אין זעהר א קורצער צייט האט פרוג דורך זיינע ביבלישע געדיכטע, וועלכע ער האט געשריבען אין דער רוסישער שפראך, בעקומען א גרויסען נאמען אין דער רוסישער ליטעראטור. רוסישע בעקאנטע שריפטשטעלער און קריטיקער

האבען זיך מיט איהם פעראינטערעסירט, און געלייגט אויף איהם גרויסע האפנונגען. יעדערער האט געוואלט זיין זיין „פאטראן“.

און שמואל פרוג האט בעקלאגט און בעזונגען זיין פאלק און זיין פערגאנגענהייט. מיט אזא קראפט, מיט אזא טיעפען פאעטישען געפיהל, וויא ביז איהם האט דאס נאך קיינער געטאהן אין דער רוסישער שפראך. פערל האבען זיך געשאטען פון זיין בריליאנטענע פעדער, איינע נאך דיא אנדערע. בילדער, געשטאלטען האט ער געמאלט פון אונזערע אלטע צייטען מיט דיא העלסטע און שטארקסטע פארבען.

פרוג האט לעבעדיג געמאכט מיט זיין פאעטישען כשוף פארמעט־געליבענע אויסגעטריקענטע לעגענדען און מעשות פון אמאליגע דורות. באלזאם האט ער געגאסען אין אונזערע ברענענדע וואונדען; מוטה, האפענונג און אמונה אין בעסערע צייטען האט ער ארייגעהויכט אין דיא הערצער פון זיינע שוואכע, אונגליקליך־פערצווייפעלטע ברידער. מיט גיפטיגער איראניע, מיט אן אשמדאי־געלעכטער האט ער חוזק געמאכט פון אונזערע פיינד.

אין דעם יאהר 1884 האט דער גרעסטער העברעאישער דיכטער פון יענער צייט, יהודה ליב גארדאן געשריעבען אז פרוג דאס בעקאנטע געדיכט:

„עלה נבל אנכי, אתה ציץ פורח“

(איך בין א פערוועלקטער בלאט, דו ביזט אן אויפבליהענדע בלום), גארדאן האט אויפגעמונטערט דעם יונגען פרוג צו קעמפפען מיט דער גרויסער מחנה פון אונזערע בלוט־שונאים.

וויא דער יונגער דוד, מיט א זיסער הארפע אין איין האנד און מיט טויט־ברייננגענדע כלי זיין אין דער אנדער האנד, איז ערשיענען פרוג פאר דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ. און פרוג איז געווען, אין יענער צייט, דער ליעבלינג אין אידישע קרייזען און מ׳האט איהם זעהר געהעטשעלט צווישען דער אידישער שטודירענדער יוגענד אין פעטערבורג.

* * *

און דער גוטער נאמען, וועלכען פרוג האט בעקומען אין דער רוסישער ליטעראטור, דיא לארבער־קראנצען, וואס מ׳האט איהם געבראכט פון אלע זייטען האבען זיין קאפ ניט פערדרעהט. ער איז טריי געבליבען זיין פאלק און דער אידישער מוזע.

אין יענער צייט פון זיין גלאנץ האט פרוג געשאפען אויך דיא בעסטע געדיכטע, און דאס זיינען דיא וועלכע האבען א ביבלישען אינהאלט, אדער וועלכע זיינען געגרינדעט אויף אידישע לעגענדען. זיין „בעכער לעגענדע“ איז געווארען א פאלקס ליעד; א דימענט אין דער קרוין פון דער אידישער פאעזיע.

* * *

אין דיא נײנציגער יאהרען, פון דעם פאריגען יאהר־הונדערט, האט דער דיכטער וויא פערלארען א שטיק פון זיין קראפט און גלאנץ. פרוג איז געווארען א צייטונגס־ארבייטער. און שווערע צייטען האט ער געמוזט דורכמאכען. זעהר אפט האט איהם דיא פאליציי געוואלט ארויסטרייבען פון פעטערבורג אלס אידען, וואס איז קיין בעל מלאכה און קיין גרויסער סוחר, און דערצו דער שווערער קאמפף פאר׳ן עקזיסטענץ.

איך וויל פרוג׳ען ניט פערכאפען דעם וועג, פיעלייכט וועט ער אונז נאך אליין דערצעהלען דיא זכרונות פון יענע שווערע צייטען.

מיט צעהן יאהר צוריק, אדער עטוואס פריהער, האט פרוג אנגעהויבען שרייבען אידיש. און ער איז דורך זיינע „ליעדער און געדאנקען“ געווארען דער ליעבלינג פון דעם אידישען המון, פון דיא ברייטע אידישע מאסען.

פרוג, אלס דיכטער אין אידיש, טראגט אויף זיין קאפ א גאנץ אייגענארטיגע קרוין, און גאנץ אייגענארטיג (אבער זעהר געזונד און געשיקט) שפיעלט

ער אויף זיין נייעם געדאנקען־ און געפיהלען־אינסטרומענט: — דיא אידיי״ע שפראך.

און וואס פאר א קינסטלער איז פרוג אין אידיש! וויא מייסטערהאפט ער בעהערשט דיא אידישע שפראך, אויף וועלכע ער קלאגט זיך שטענדיג דאס זיא איז ארים, הארט און, אז און פיר זיך, זעהר ווייניג פאעטיש.

אין אידיש איז פרוג געקומען, אלס דיכטער, צום גאנצען פאלק:

„פאר אייך מיינע ארימע ברידער און שוועסטער,
וואס זיינען צוזייט און צושפרייט אויף דער וועלט,
וואס קריכען און בלאנדזשען אויף טויזענדע וועגען,
אין רעגען, אין שטורם, אין היץ און אין קעלט.
פאר דיך, אוי, דוא אייביגער קרעכצער און זיפצער,
פערשווארצטער, פערקלאגטער, פערויאמערטער איד,
טהוט שאלען און זינגען און הילכען און קלינגען
מיין פרישעס, מיין לעבעדיג־פרעהליכעס ליעד.
(ליעד דער ארבייט)

און דיא ארבייט, דיא פשוט'ע ארבייט, וויא דיא ארבייטער, דיא פשוט'ע ארבייטער, שעצט דער דיכטער העכער וויא אלעס. ער זינגט זיי א מזמור:

דער סערפ איז פון שטאהל, דיא סאכע — פון אייזען:
קיין ציערונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט;
אין זיי אבער ליעגט אונזער קראפט, אונזער לעבען
אהן זיי איז אונמעגליך איין איינציגער טריט.
טא לויבט־זשע און זינגט דער מיה און דער ארבייט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצען, ליעבענד און הייס!
געזונד זאלען זיין דיא הענד מיט מאזאליעס,
דער שטערען, פון וועלכען עס גיסט זיך דער שוויס!
(ליעד דער ארבייט)

אט אזוי זינגט אונזער פאעט! איהר דערקענט אין איהם גלייך דעם קאלאניסטען־קינד. ער בעזינגט ניט אלערליי אויסגעטראכטע „פינטערפליושקעס" ער בעזינגט, — און מיט וועלכע בעגייסטערונג, — „דיא הענד מיט מאזאליעס'.

* * *

דיא אידישע פאעזיע פון פרוג'ן ווירקט ניט וויא א בערוישענדער וויין: וועלכער טרינקט זיך מיט פערגניגען, נאר וואס מעהר מ'טרינקט איהם, דרעהט זיך מעהר און שווינדעלט מעהר דער קאפ.

פרוג'ס אידישע שירים — בעזאנדערס דיא ארבייטער און פרייהייטס־ליעדער, וויא אויך פיעלע פון זיי זיינע סאטירישע ליעדער — ווירקען ווי א פרי־שער, קלארער קוואל, וועלכער קרעפטיגט דעם דורשטיגען און מיעדען וואנדערער

פרוג דער פאעט רופט ניט דעם איד, דעם המון עם, צו פערזינקען אין זיסע, איינגלולענדע חלומות, אין פוסטע, נעבעלדיגע פאנטאזיעס. ער וועקט דיא מאסע, און רופט זיי מיט שאלענדע קולות צו דער ארבייט, צו דער סאכע, צום סערפ. נאך זיין מיינונג ליעגט אין דער סאכע פאר דעם אידישען פאלק דאס מזל און ברכה.

קיינער פון דיא אידישע דיכטער האט מיט אזא ביטערע, גיפטיגע, גאליגע סאטירע בעשפאטעט דאס אידישע שאכער־מאכער לעבען, דיא ווינד פרנסות און דעם אייביגען אהין און אהער שטאיען זיך, וויא דאס האט גע־טהאן פרוג.

ער לאכט און וויינט דערביי מיט בלוטיגע טרעהרען:

„איך לאך און איך קרעכץ,

איך זינג, און פון שמערץ
צוגעהט זיך, צורייסט זיך מיין הערץ.

* * *

אונזער פאעט געפינט אבער דעם עכטען, רעכטען אידען, זיין גוטעם הערץ, זיין שעהנע זעעלע אפילו אויפ'ן מארק, אויפ'ן יריד, אין רעכטען קאכענעס פון געשעפט, האנדעל און וואנדעל; אין רעכטען מיטען הו—הא...

אונזער פאעט געפינט דיא אידישע ארימקייט, עלענד און דלות אפילו ביי'ן סוחר, ביי דעם „גרויס־הענדלער". דער פאעט שילדערט אונז וויא דאס גאנצע אידישע געשעפט און אידישע פאדריאדען זיינען ווינד און שטויב, גאר נישט שבגאר נישט.

אין זיין וואונדערבארער געדיכט „הייס און קאלט" שילדערט פרוג וויא דער איד האנדעלט. הודזשעט, קאכט אויף אלע יריד'ען, וויא ער לויפט, קויפט, פערקויפט פעל, אקסען, זאלץ, קארן, פלאקס, לעדער, און צום סוף — הערט א מעשה! — שטארבט ער אוועק און מוז גאר בעגראבען ווערען אין פרעמדע תכריכים.

וויפיעל ביטערע, שטעכיג־בייסענדע איראניע, וויפיעל פאלקסטהימליכקייט ליעגט אין דיא לעצטע שורות פון דעם דאזיגען ליעד. עס ווערט טאקע לייענענדיג „הייס און קאלט".

„ברענט, ברענט — איהר וועט אבגעקיהלט ווערען, רב איד!
איהר איילט זיך נאך סחורה? נאך אייזען, נאך ברעטער,
נאך זייד און נאך סאמעט — איהר פלאקערט, איהר זידט?
פערגעסט נאר ניט — זייט אזוי גוט —
פון יריד א שטיקעלע לייווענט צו ברייגגען רב פעטער...
עס קלאפען דיא פושקעס... עס ארבייט דיא זעג:
פיער ברעטער, צוויי שערבלעך — און אלעס מיט אז'עס.
געקומען צו פאהרען פון לעצטען יריד'ל...
נו, גיבער, שמשים! פערשיט שוין, בעהאלט!...
אוי, אידעלאך! קאלט איז דארט — זאג איך אייך — קאלט!! — —

* * *

פרוג איז גאר ניט גענארט אין דער רעכנונג. ער ווייס גאנץ גוט, אז דער אידישער המון־עם פערלאנגט פון דעם פאעט עטוואס גאנץ אנדערש וויא וואס ער איז פון דער נאטור.

דער עכטער דיכטער איז פון דער נאטור א נביא. זיין הארץ פלאקערט פון ליעבע און צארן צו זיין פאלק. דער הייליגער אמת גיט איהם קיין רוה. עס שפריצען פון זיינע ליפען ווערטער וויא פייערדייע פונקען, אדער ווייכע וויא ביימעל. דער עכטער דיכטער איז אויך א קינסטלער, א טרוימער און שילדערט בילדער פון דער פערגאנגענהייט, זעהט נייע חלומות אין דער צוקונפט. ער פליעסט איין לעבען, מוטה און האפנונג אין אלע צובראכענע הערצער. דער פאעט טראגט שטענדיג אין האנד א פאקעל און בעלייכטעט דיא טיעפע מענשליכע פינסטערניש, דען ער איז דער גרעסטער פיינד פון דער פינסטערניש.

אבער:

„פערשאלטען איז דער, וועמען גאט האט
בעשערט צו זיין א משורר... ביי אידען:
א משורר, א כלי־זמר, א בדחן איז ער,
א גראם און א ווערטיל, א ליעדעל, א נגון
א דרעה זיך אהין און א קרים זיך אהער —

דער עולם זאל האבען פון איהם פערגניגען".

* * *

און דאך איז אונזער פרוג זעלטען א בדחן, זעלטען נאר א ווערטיל זאגער. אפטמאל קומט ער וויא א ריכטיגער נביא: ער טרייסט, ער שטארקט, ער זעהט דעם ליכטיגען שטראהל, וואו קיינער מערקט איהם נאך ניט. ער רופט:

„מיין ברודער שלעכט איז דיר, איך וויס,
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
עס מוז, עס וועט דאך ליכטיג ווערען."

אין דיא שריפטען, וואס ליגען דא פאר דעם לעזער, איז דא כמעט נאר איין ליעד, אין וועלכער אונזער פאעט איז רוהיג, זיס און ליעב; כמעט נור איין ליעד, אין וועלכער דער פאעט זיפצט ניט, קלאגט ניט, צארנט ניט און לאכט ניט: נאר כמעט איין ליעד, אין וועלכער מיר זעהען וויא אונזער שטענדיג פערכמארעטער, אדער ביטער שפאטענדער פאעט בעטראכט און גע־ניסט דיא שעהנע געטליכע נאטור מיט קלארע, ניט פערוויינטע אויגען, און מיט א נאאיוו־קינדישען געמיטה. דאס איז דאס ליעד „דיא נאטור".

אונזער פאעט מאלט מיט גאלדענע פארבען דיא וועלדער, דיא הויכע, אלטע בוימער מיט דיא גרינע בלעטער, דיא פייכטע גרינע טהאלען, דיא קאלטע קוואלען. און זיי רופען צום פאעט:

„קום אריין אין וואלד! מיר וועלען דיך
ערקוויקען און ערפרייען!"

און דער פאעט פערגעסט אין וואלד און אין דער נאהענטקייט פון דיא בעגאלדעטע בלויע וועלען וואו ער הערט יונגע, זיסע שטימען זינגען, זיינען אלטע שמערצען, און טיעף אין הארצען פיהלט ער, וויא עס פליסען „נייע קרעפטען, נייע פלאמען". אבער אונזער פאעט ערוואכט שנעל פון זיין זיסען דרעמיל. דיא ווירקליכקייט ווייזט איהם תמיד שווערע, טרויעריגע בילדער און זיין פידעל קרעכצעט, חליפעט. עס העלפט איהם דאן ניט דער ליעבע־זומער, דיא פעלדער, דיא טהאלען, דיא הויכע, שעהנע זאנגען, דיא זומער־פויגעלאך און דיא סטאיעס בינען, וועלכע טאנצען, שפרינגען און זשומען. ער קען פון זיין אלטען, נאגענדען שמערץ ניט פריי ווערען. וויא טרויעריג־זיס, הערצרייסענד־מילד זיינען דיא מעלאדיש קלינגענדע שורות:

„ריין און ליכטיג איז דער הימעל,
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
זומער, ווינטער, הערבסט און פריהלינג
בלייבט אין איהם דער אלטער שמערץ."

און דער אלטער אידישער שמערץ קלינגט אין אלע פרוג'ס ליעדער, און דארום האבען זיי אזא שטארקע ווירקונג אויף דעם לעזער.

פרוג קינסטעלט ניט זיינע ליעדער: ער קוועטשט זיי ניט ארויס מיט גוואלד פון פעדער. זיי פליס־י ביי איהם וויא פון זיך אליין. זיין שמערץ איז ניט א געמאכטער. זיין שמערץ איז דער אייביגער שמערץ פון א געפיי־ניגטען, געדריקטען, צוטראטענעם פאלק. אויף זיין האפנונג, זיין גלויבען אין בעסערע צייטען זיינען עכט.

און דארום ווערט לייכטער אויפ'ן הארצען, ווען מ'זאגט מיט פרוג'ען אביסעל קינות. דורך דיא טרעהרען, וועלכע פערשלייערען אונזערע אויגען זעהען מיר דאך דעם רעגענבויגען פון האפנונג.

ראובן ברייניך

ניו יארק, מארטש 1910.

דאס יודיש ליעד.

(אנשטאט א פארערדע).

אין גרויהען, פערגליווערטען, טוידט־שטומען נעבעל האבען זיך צוויי נשמה'ליך באגעגענט.

ווי א פאר פערבלאנזעטע טייבעליך צוגעטולעט צו א שטיל־שוועבענדען וואלקען, האבען זיי איינע דער אנדערער פון זייער לעבען דערצעהלט.

— אומגליקליך, שוועסטער, בין איך געווען, — האט איינע געזאגט: יונג בין איך פון דער וועלט געגאנגען, מיט די נאהענטע און ליעבע מיינע ניט געעלטערט זיך...

— ניין, שוועסטער, דו ביסט גליקליך געווען, — האט געזאגט די אנדערע: איך האב לאנג אויף דער וועלט געלעבט, פון קיין יוגענד אבער האב איך אין מיין לעבען ניט געוואוסט...

*

* *

ארים, עלענד יודיש ליעד!

וואו איז דיין זיסער פריהלינג, דיין ליכטיגער פריה־מארגען, די פרישע, שטאלצע יוגענד דיינע?

האָבען זיך דיינע זאַנגען געבאָרען אין הימעל־שיין? די צווייגען געדרישט, די בינען געזוומט, די שטראַהלען געוועבט פאַר דיר אַ פרייזי, גאָלדען געצעלט?

אָרים, עלענד יודיש ליעד!

*

* *

דונקעל און מאַט האָט אויפ׳ן פריפעציק דאָס פייעריל געברענט — געעטעמט, געגוס׳עט.

מיט אָנ׳אָבגעריסענעם לאָדען האָט דער ווינד אין פענסטער געקלאַפּט.

מיט אימת־מות האָט די שוואַרצע נאַכט דורך די פער־ווינטע שויבען געקוקט, מיט די גרויזע בעלימעס געפינטעלט, געוואונקט...

אַ בלייכע, דאַרע האַנד האָט דאָס וויעגעלע געוויעגט:

— שלאָף, קראַנק פייגעלע, שלאָף, יתומה׳לע, שלאָף, שלאָף, אָרים יודיש ליעד!

קאַלט און שוואַרץ זענען געווען די טעג ווען דו ביסט אויף דער וועלט געקומען.

מיט קבר־בלומען איז געווען דיין וויעגעל באַקרענצט, מיט אַ יאָהר־צייט ליכטעל דיין אַלקעריל בעלויכטען.

און מיט אַ געקניטשטען שטערען, מיט טיעף־איינגעפאַ־לענע אויגען, גרויה און אַלט ביסטו פון וויעגעלע אויף גאָט׳ס וועלט אַרויס, פון קיין זיסען פריהלינג, פון קיין ליכטיגען פריה־מאָרגען, פון קיין פרישע, שטאָלצע יוגענד ניט געוואוסט...

*

* *

און דאָך...

לעבען און בליהען און לייכטען זאָל דאָס יודיש הארץ!

„— שוועסטער מיינע, שוועסטער טרייע!" — רופט צו׳ם אַלטען ליעד דאָס אַלט, פערביטערט הארץ.

און טולעט עס-צו, און פרעסט עס-צו צו זיך, און גיסט אַריין אין איהם נייע, פרישע איינקלאַנגען, און שעפּט אַליין פונ׳ם אַלטען ליעד נייע, יונגע טרייסט און פרישע, יונגע האָפנונגען...

*

* *

לעבען און בליהען און וואַקסען און קלינגען זאָל דאָס אָרים, עלענד יודיש ליעד!...

ש. פרוג.

אָדעססאַ, דעצעמבער 18, 1909.

אינהאלטס־פערצייכניס.

גלות־ליעדער:

צו מיינע לעזער 3
האַט רחמנות 4
דער רויטער קראַנץ 7
די מצבה 10
צוויי טראַיקעס 12
אויף קבר־אבות 16
מזבח־אדמה 19
שווער צו זינגען 21
צוואַנציגסטער פעברואַר 23
דער פריהלינג 30
משה רבינו׳ס קבר 33
דריי (דער עלטער־זיידע, דער זיידע, דאַס אייניקעל) 35
מיין ליעד 39
זאַמד און שטערען 41
אין וועהטאַג-בעט 43
אויפ׳ן בית־עלמין 51
דאָס יודיש־קינד 54
דער צייכען 56

אַרבייטער און פרייהייטס־ליעדער:

ליעד דער אַרבייט 61
צו׳ם שרייבער 64
די תפלה 66

די פאָהן 67
ס'איז צייט 69
פריהלינג-ליעד 72
וויעג־ליעד 75

ניי־יאָהר און יום טוב־ליעדער

ניי־יאָהר 81
צום ניי־יאָהר 1889 83
דאָס ניי-יאָהר ליעד 88
אויף נאָווי-גאָד 91
תקיעה־גדולה 95
דאָס קוויטעל 100
על חטא 103
מיין סוכה 108
אין סוכה 110
אין סוכה (חלום בילדער) 114
דיא לאָקשענברעט 124
הושענות 130
דער הימעל שפּאַלט זיך 134
שמחת תורה 137
הגדה ליעדער, 1. דער חשבון 2. ארבע כוסות 140
מה נשתנה 146
שבועות־ליעד 148
שבועות 152
מתן תורתנו 154
ל״ג בעומר 159
חנוכה שפּיעל 166
חמשה־עשר 174
צוויי־בילדער 181
די מלכה 184
שלח-מנות (אַ פּורים-ליעדעל) 188
שלח-מנות (אַ גראַם־ליעדעל) 198

דער פורים־טאָסט 202
זים (אַ ליעדעל צום פורים שפּיעל) 204

לעגענדען

דער הויפּען ערד 209
דעם שמש'ס טאָכטער 224
חתן-תורה 237
דער גאָלדענער שליסעל 246
דער פרומער שד 250

בילדער פון פּאַרצייטען

מחוץ למחנה 267
איוב 273
נבוזראדן 276
המן 284
די שרפה 294
פרעה 299
מתתיהו 304
אַ וכוח (פאַנטאַזיע) 310

גלות ליעדער

צו מיינע לעזער.

בּרידער מיינע, ליעבּע בּרידער!
פוּל מיט לייד אוּן שאַנד —
זינג איך ווידער מיינע ליעדער
פוּן א ווייטען לאַנד.

פוּן א געגענד, וואוּ דער הימעל
רעגענט קלאַג אוּן לייד;
אוּן א טיעפער שווארצער דרימעל
ליעגט אוּיף אלץ פערשפּרייט.

בּעט פוּן מיר קיין זיסע שטימען,
בּעט קיין פרייעס ליעד:
אוּיף מיין פּיעדעל ליעגט דער סימן
מיט'ן שטעמפּעל „איד!"

אוי, דאס איז א טיעפע חתימה
אוּיף מיין קראַנקעס הערץ,
אוּן עס גיסט זיך פוּן מיין שטימע
נאר געוויין אוּן שמערץ!...

האט רחמנות.

I.

שטראמען בלוט און טייכען טרעהרען
זידען, פליסען טיעף און ברייט...
אונזער אלטער, גרויסער אומגליק
האט זיין האנד אויף אונז פערשפרייט.

הערט איהר דארט, ווי מוטערס קלאגען
און פון קינדער דאס געשריי?
טויטע ליגען אויף די גאסען,
קראנקע פאלען נעבען זיי...

ברידער, שוועסטער, האט רחמנות!
גרויס און שרעקליך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיגע ברויט!...

II.

פון דער ווייטען שווער צו פיהלען:
ווייטע טרעהרען — פרעמד געוויין,
ווייטער אומגליק — פרעמדער אומגליק,
פרעמדעס בלוט... ניין, ברידער, ניין!

הערצער טויזענד — און איין וועהטאג
טויזענד הייזער — און איין טהיר;
אלע, אלע — איין פערקלאגטער
קראנקער יתום זענען מיר!...

ברידער, שוועסטער! האט רחמנות!
גרוים און שרעקליך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיגע ברויט!...

III.

שטראמען בלוט און טייכען טרעהרען
זידען, פליסען אהן א שיעור...
אימת־מות קוקט אין פענסטער
און דער הונגער קלאפט אין טהיר...

שלאף איז אונזער האנד צו שטרייטען,
שטארק און שווער איז אונזער שמארץ...
קום־זשע, דו, מיט טרייסט און ליעבע,
גוטעס, הייסעס יודיש הארץ!

ברידער, שוועסטער, האט רחמנות!
גרויס און שרעקליך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיגע ברויט!...

דער רויטער קראנץ.

איהר הערט, חברים? ער טרעט אב,
ער, אונזער תלין און רוצח,
וואס האט געעטעמט מיט'ן ריח
פון בלוט און שרפות... ער טרעט אב!
א סוף איז אויך צו איהם געקומען, —
און אשמדי בעקרוינט זיין קאפ
מיט גיהנום־בלומען...

א קראנץ, א קראנץ ליעגט אויף זיין קאפ,
א קראנץ פון יענע רויטע בלומען,
וואס שפראצען איצט אי דא, אי דארט,
אויף יעדען טריט, אויף יעדען ארט,
וואו ס'זענען אונזערע קרבנות
געשעכט געווארען אהן רחמנות
פון קין־מארד.

די רויטע בלומען וואקסען איצט
אויף יעדער גאס, אויף אש און שטיינער,
דארט, וואו עס זידט און שטראהלט און בליצט
דער פרייהייטס־קוואל, דער הייסער, ריינער,
שטעהט־אויף פון גרונד, פערפלייצט דעם ברעג —
און איהם פערצוימען קען ניט קיינער
זיין פרייען וועג...

דער בייזער פיינד האט אבגעטראטען, —
ער האט דערגרייכט זיין מערדער־צוועק:
עס ליעגט אויף אלץ, פון עק ביז עק,
דער שווערער יאך, דער שווארצער שאטען
פון קלאג און לייד, געוואלט און שרעק...
די קלויסטער־לויים הלל זינגען,
די גלעקער קלינגען...

עס הערשען פריי, פון עק ביז עק,
די שארפע האק, די הויכע תליה,
די קייט פון שרעקליכען געוויכט...

טא צינדט־זשע אן די שווארצע ליכט
און בלאזט די לאנגע חרם־תקיעה,
בעלייכט, בעשיינט מיט גיהנום־גלאנץ
דעם רויטען קראנץ ! . . .

די מצבה.

קרבנות הייליגע און ריינע
פאר אונזער פרייהייט, גליק און פרייד!
דער בייזער שונא האט דעם חלף
נאך ניט אריינגעלייגט אין שייד.

דאס בלוט איז נאך ניט אבגעוואשען
פון זיינע מערדערישע הענד;
עס הענגען נאך די אלטע שלעסער,
עס שטעהען נאך די אלטע ווענד.

ניטא קיין צייט איך צו בעוויינען, —
מיט האס איז אנגעזאפט די לופט,
דאס הארץ מיט יאמער און מיט צארען;
דער שטורם געהט, דער שטורם רופט!

ניטא, ניטא קיין צייט צו קלאגען
אויף אייער בלוט, אויף אייער לייד,
קרבנות הייליגע און ריינע
פאר אונזער פרייהייט, גליק און פרייד!

עס קלאפּט דער פּויק, די שופרות שאַלען,
עס וועהט און פלאַטערט אונזער פאָהן;
דער קאַמפּף דער שרעקליכער, דער גרויסער,
ער געהט נאָך ערשט, ער הויבט זיך אָן, —

און מיט די קולות פון׳ם שטורם
רופּט אויס דער שונא פלוך און שאַנד
און זינגט נאָך אייך „אל מלא רחמים״
דאָס גאַנצע פאָלק, דאָס גאַנצע לאַנד!

צוויי טראיקעס.

א.

דער שניי איז געגאנגען צוויי טעג נאכאנאנד,
א שליט־וועג א חיות געווארען,
די פערדעלעך שטעהען אין שליטען געשפאנט,
אלץ גרייט שוין און פארטיג צום פאהרען.

אי, פערדעלעך־חיות! נו, זעץ זיך און פאהר! —
מיט צאצקעס געטאקט איז דער שליטען,
צוויי פערד פון די זייטען — ווי הירשען א פאר,
א לעמפערט, א לייב אין דערמיטען.

דער קוטשער נעהמט באלד אלע לייצען אין האנד:
— „נו, קינדערלעך, לעבעדיג, פרעהליך!"
דעם שליטען האפט אויף מיט אמאל ווי א בראנד...
— שטעה, אייל זיך ניט, ווארט־ווארט, פאמעליך!

ניין, ברודער, אומזיסט! ווי א פויגעל, א ווינד,
א פייל פונ'ם בויגען, א וויכער,
זיי לויפען, זיי שוועבען, — זיי פליהען, געשווינד,
וואס ווייטער - אלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי א לאקשענברעט גלאט,
די זון שיינט פון אלע פיער זייטען,
דער קוטשער — א מזיק, די פערדעלעך — זאט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטען.

פאהרט, פריצים, קאטאיעט זיך, — גליקליכע טעג!...
נאר ווארט נאר, וואס איז דאס? פאסטאי־קא!
ווער קריכט דאס דארט? איי! איי! אראב פונ׳ם וועג!!...
— דאס שלעפט זיך די יודישע טראיקא...

ב.

א וואגען — א פאלאץ! — די בויד איז געוועבט
פון גאנצע תרי״ג אלטע שטיקלעך,
די אקסען מיט וואקס פון הבדלה געקלעבט,
די רעדער געבונדען מיט שטריקלעך.

דריי קליאטשעס—דריי אדלערס! דריי לייבען א שרעק!—
זיי שפרינגען, נו טאקע ווי זשאבעס...
ישראל׳יק פאהרט, פאהרט און פאהרט אהן אנ׳עק.
א היים צו פאספייען אויף שבת...

א היים... אוי, ווי ווייט נאך, ווי ווייט איז זיין היים,
ווי שווער, נעביך, איז די נסיעה:
עס זינקען די רעדער אין שמוץ און אין ליים,
חאטש טרענק זיך, חאטש קריך אויף דער תליה!

עס זינקען די רעדער, עס טרעשטשעט דער סכך,
די זאוויעסקעס סקריפען און קנאקען,
אט, אט איז א גרוב, א פערזינקעניש — טראך!
ער פליהט און צובּרעכט האלז און אקען...

נאר האט ניט קיין מורא: ישראל'יק איז קלאר,
איז בקי אין הלכת־עגלה;
ער שלעפט זיך דאך שוין כמעט צוויי טויזענד יאהר,
דאס איז דאך פון אייביג זיין ראלע...

ער שלעפט זיך דורך פעלדער און וועלדער א ים,
ער בּלאנדזשעט אין סטעפּס, מדברות,
ער האט שוין געפיהלט און ער ווייסט שוין דעם טעם
פון אלערליי בּיטערע צרות.

ער האט שוין בּעגעגענט אי לייבּען, אי הינד,
אי לצים, אי שלענג, אי גזלנים;
עס האט בּיז אין בּיין איהם געשמיסען דער ווינד
דער האגעל — געפּאטשט איהם אין פּנים.

עס איז אבער גאר ניט געווארען פון דעם:
— בילט, כלבים, עד לב השמים!
זיין טראיקעלע שלעפט זיך נאך, ברוך־השם,
ער לעבט נאך און פאהרט נאך עד היום.

פיעל טראיקעס געווארען שוין הינקעדיג, בלינד,
פיעל גלעקלעך צובראכען, פיעל בייטשען צוריסען;
עס איז שוין קיין זכר ניטא פון די הינד,
וואס האבען אמאל איהם געביסען.

עס איז ניט געבליבען אפילו דער ארט
פון טויזענד פאטשטאווע קוריערען און רייטער,
און זעהט נאר, ישראליק׳ס טראיקע — זי פאהרט
זי שלעפט זיך אלץ ווייטער און ווייטער...

די יודישע טראיקע — איהר קענט זי, איהר ווייסט?
מיר האבען אויף איהר א חזקה...
די אלטיטשקע יודישע טראיקע — זי הייסט:
תשובה ותפלה וצדקה!...

אויף קבר־אבות.

פריעד און רוה צו אייך, הייליגע קברים!
אלטעס פאטערלאנד, הייליגעס לאנד!...
זעהט, ווי שוואך איך בין ארים און עלענד...
גרויס און טיעף איז מיין שאנד! —

אין די גליקליכע קינדערשע יאהרען
האב איך מעשות ניט זעלטען געהערט
וואס מיר זענען געוועזען פארצייטען
אויף דער זינדיגער ערד;

דער מלמד, דער זיידע, די מאמע —
פלעגען טענה'ן מיט מיר: „דו פערשטעה,
וואס בעדייטען די הייליגע נעמען,
ווי מיר דארפען שטאלצירען מיט זיי:

„אונזער געטליכער משה־רבינו,
וועלכער האט אויף די פים אונז געשטעלט,
און פון קנעכטשאפט, פון פרעה'ס משרתים
פריי געמאכט אויף דער וועלט;

„דבורה, שמשון־הגבור און גדעון,
וועלכע האבען בעשיצט אונז מיט'ן שווערד;
אונזער דוד המלך און שלמה,
דער בעריהמטעסטער לייט אויף דער ערד;

„יענע הייליגע, גרויסע נביאים,
וואס אויף זיי האט די שכינה גערוהט;
די גבורים, וואס זענען געפאלען
און פארגאסען פאר אונז זייער בלוט"...

יא, מיט שטאלץ און מיט פרייד פלעג איך הערען
די געשיכטען פון זיי... נאריש קינד!
האב איך דעמאלט געקענט גאר פערשטעהען,
ווי נאאיוו איך בין, בלינד:

פון גבורים, נביאים, פון לייבען
האב איך מעשות געוואוסט אהן א שיעור,
און דערביי נישט בעמערקט, וואס פאר מילבען
אנשטאט זיי, קריכען איצט ארום מיר...

דבורה'ן, גדעון'ען, שמשון־הגבור
פרובען ווייזען א היינטיגען יוד —
וואס אין גאנצען איז ער הויט און ביינער,
ווי ער ציטערט פאר יעדען טריט...

אדער משהדרבינו זאל קומען
און דערזעהען, וואס טהוט זיך אין גרונד
אויף דער וועלט מיט א היינטיגען יודען,
וועלכער שעהמט זיך שוין גאר ניט אצונד,

וואס ער האט אויך שוין עברי פערגעסען
און פערשטעהט ניט אפילו א ווארט
אויף זיין אייגענער מאמעס מצבה,
אויפ׳ן הייליגען ארט...

נאריש קינד! מיט די אבות שטאלצירען
טאקע מעגען מיר, — אונז אבער פעהלט,
אז זיי זאלען מיט אונז זיך ניט שעהמען
אויף דער אמת׳ער וועלט...

מזבח־אדמה.

„מזבח אדמה תעשה לי".

מיר האבען פיעל טייערע, גרויסע מזבחות
געהאט אין די גליקליכע טעג,
וואס האבען אמאל אונז געגלאנצט ווי די שטערען,
געשיינט אויפ'ן ליכטיגען וועג.

זיי זענען געוועזען פון גאלד און פון קופער
און קונציג געטאקט און געקריצט;
אויף זיי האט געברענט אונזער הייליגעס פייער,
די הייליגע פלאמען געבליצט.

נאר טייער אין זיי איז געוועזען ניט דער קופער
און ניט אינ'ם גאלד זייער ווערט:
דעם ערשטען מזבח האט משה רבינו
געבויט אונז פון פשוט'ער ערד;

פון פשוט'ער ערד איז געוועזען דער מזבח,
דער ערשטער מזבח געמאכט,
אויף וועלכען מיר האבען פארצייטען צום ערשטען
דעם הייליגען קרבן געבראכט.

מיין פאלק! ניט פערגעס אויף די אלטע מזבחות,
בעט גאט, ער זאל ווידער צוריק
אונז אומקעהרען אונזערע ליכטיגע יאהרען
מיט אונזער פערגאנגענעם גליק;

געדענק אבער אייביג דעם ערשטען מזבח:
בעארביט מיט ליעבשאפט די ערד, —
אין דעם ליעגט פערבארגען דיין קראפט, דיין נחמה,
אין דעם איז דיין גליק דיר בעשערט!...

שווער צו זינגען.

ליעדער דורכגעגליהט פון צארען,
ליעדער אנגעזאפט מיט פיין;
אויסגעלאשען איז געווארען
זייער היטץ און זייער שיין.

עלענד קינד מיינס! שווער צו זינגען
ווען עס געהט די שטורם־נאכט,
ווען די שווערע קייטען קלינגען
און דער בייזער תלין לאכט!...

זעהסט? א שווארצער קברות־גארטען
האט בעפלאנצט אי בארג, אי טהאל:
ניט קיין בוימער וואקסען דארטען —
תליות, תליות אהן א צאהל...

קינד מיינס, קינד מיינס! שווער צו זינגען
ווען עס רוישט די שטורם־נאכט,
ווען, ווי גלעקער, קייטען קלינגען,
און דער בייזער תלין לאכט!...

ס'ברענט און פלאמט דאס הארץ פון צארען —
און דעם פלאם פערלעשט דער ווינד,
ווי א שפינוועבס — פון א דארען
פלאצט די סטרונע... עלענד קינד.

יתום מיינער! שווער צו זינגען
ווען עס רוישט די שטורם־נאכט,
ווען די קייטען קלינגען, קלינגען,
און דער תלין — לאכט און לאכט!...

20־טער פעברואר.

אין א נייעם בגד,
אין א נייער גדולה,
שיינט דער אלטער פאלאץ,
שיינט און גלאנצט און בליצט,
צו א נייעם לעבען,
אויפגעוואכט שוין ווידער...
און אויף טויט דערשראקען
אויפ'ן בוידעם זיצט;

איינגעהויקערט נעביך,
אין א פינסטער ווינקעל,
זיפצט און קלאגט דער אלטער,
גראהער דאָמאָוואָי:
„ווידער שוין געקומען
נייע בעלי־בתים!...
ס'רוישט און ליארעמט ווידער,
אינ'ם פאלאץ... אָי!

„ווי איז מיר, איך פרעג אייך,
זעהען דאס און הערען?!
„ווי איז מיר דעם עדות,
פון די ווייטע טעג,
פון די ליעבע יאהרען,
זיצען דא און שווייגען,
קוקענדיג אויף וואָס׳ער
פאלשען, קרומען וועג

ס׳געהט אוועק דאס בעסטע
פון די בעסטע צייטען?!״..
און מיט אלע כחות
רופט ער און בעשווערט
אלע רוחות־רעות,
שדים און מזיקים,
וויפיעל ס׳איז פארהאנען
ערגעץ אויף דער ערד:

„קליפות און מכשפות!
װאלקאלאקעס רויטע!
פייערדיגע שלאנגען!

שוואַרצע גיהנום־קעץ!
קריכט אַרויס וואָס גיכער
פון די טיעפסטע זומפּען
און צושפּרייט וואָס ברייטער
זייער כּשוף־נעץ,

„חאַפּט־אַרום, פאַרוויקעלט
און געדיכטען נעבעל
און דערשטיקט אויף אייביג
יענע פרייע פלוט,
וואָס פאַרפלייצט מיט הייסע,
קלאַהרע לעבענס־שטראָמען
אונזער אַלטע נחלה,
אונזער האָב־און־גוטס!"...

. . . .
. . . .

א רחמנות נעבּיך
און א צער צו הערען...
בּיטער איז און פינסטער
איהם, דעם בּוידעם־שד...
אַלע אַלטע תּרופות

אויסגענוצט — עס העלפט ניט;
פאר דעם אלטען כשוף
שוין צו־שפעט, צו־שפעט!...

איז דאך דאס א סימן
אז עס טאגט, עס טאגט שוין!
און ווי שווער און ווייט נאך
ס'איז פאר אונז דער וועג, —
וועלען דאך בעזיעגען
מיר דעם בייזען אבגרונד
און דערגרייכען גליקליך
צו דעם שטילען ברעג...

*

* *

יא, איך זעה ווי ביטער,
טרויעריג דו שמייכעלסט,
יודישע נשמה:
„— גאר פערגעסען שוין
אויף דעם גרויסען חורבן
פונ'ם „בית־ראשון?"
וואו איז יענע גדולה?
וואו איז יענע קרוין?"...

ליעבע ברידער מיינע!
גרױס איז די בעדייטונג
פון א פאלקס־פערטרעטונג
אבער, װי איהר װייסט,
איז געװען שױן עפּעס
גרעסערעס, — און דיענען
קאן דאס אונז אױך איצטער
פאר א טיעפע טרייסט:

איהר געדיינקט דעם גורל
פון די שברי־לוחות?
אין דער סטעפּ דער װיסטער,
דארטען, װאו אנשטאט
גאט, דעם בורא־עולם,
גאט פון װארהייט, ליעבע,
אונזער גרױסען, אייביג־
לעבעדיגען גאט,

האט זיך אױפגעהױבען,
בלישטשענדיג מיט זיינע
גאלדענע, נאר בלינדע

אויגען פון דער הויך,
דער פערשטאפּטער עגל,
און פאר איהם האט הייליג
זיך געדרעהט, געשלענגעלט
דער מזבח־רויך...

דארטען האבען משה׳ס
הענד געמוזט פער׳חלש׳ט
ווערען, און די לוחות
פאלען אויף דער ערד...
נאר צום בלינדען אבגאט
איז א סוף געקומען,
און דאס פאלק האט ווידער
משה׳ס קול דערהערט

העכער נאך ווי פריהער,
מעכטיגער און קלאהרער;
ווייל צובראכען ווערען
האט געקאנט דער שטיין,
אבער ניט די ווערטער,
וועלכע איינגעקריצט

האט אין איהם דער אֶצְבַּע־
אֶלֹקִים אַליין!

ווען עס וואלט דאס זעלבע
מיט די צווייטע לוּחוֹת,
מיט די פינפטע, צעהנטע
טרעפען, וואלט עס דאך
ניט דערשטיקט אין לעבען
דעם געדאנק פוּן גאטהייט,
ליעבע, גלויבען, פרייהייט,
אוּן מצרים׳ס יאך

ניט געקענט שוין ווידער
אנטהאן אויפ׳ן נאַקען
פוּנ׳ם פאלק. די פרייהייט
איז א זוּנען־שטראהל:
זיך פוּן איהם פערדעקען
אוּן בעהאלטען קאן מען,
אבער ניט זיין מָקוֹר,
ניט זיין קלאהרען קוואל!...

דער פריהלינג.

I.

דער פריהלינג געהט מיט בליץ און דונער,
מיט העלע שטראהלען, פרישע לופט...
איך הער א ליעבע, זיסע שטימע —
זי קלינגט און לאכט, זי זינגט און רופט:

צו מיר, אין מיינע גרינע גערטנער,
אויף מיינע פעלדער פריש און פריי;
דארט הערשט פון עוויג און ביז עוויג
דער ליעבער, שעהנער קעניג מאי!

ער געהט בעקראנצט מיט פרישע רויזען,
בעשפריצט מיט טהוי, ער שיינט און בליהט;
און גרינעס גראז, און בלומען וואקסען
דארט וואו ער געהט אויף יעדער טריט.

ניטא פאר איהם ניט רייך, ניט ארעם,
ניטא פאר איהם ניט קליין, ניט גרוים,
ניט קיין שטארקער, ניט קיין שלאפער...
צו מיר — רופט ער — פאראוים! פאראוים!

צו מיר, צו מיר, איהר קרומע רוקענס,
פערוויינטע אויגען, קראנקעס הערץ!
איך וועל פעריאגען אייער טרויער,
איך וועל פערהוילען אייער שמערץ!

II.

אך, איך וויל און טאר ניט זינגען. —
וויינען זיפצען מעג איך נאר;
ווייל איך בין, מיין קינד, אן אבל
שוין כמעט צוויי טויזענד יאהר.

*　　*
*

אלטע, אלטע קברים רינגלען
מיך ארום אויף יעדען טריט —
און בעקלאגען זיי אויף עוויג
און פערגעסען — קען איך ניט!...

אלטע בילדער, אלטע ליעדער,
אלטע שמערצען אהן א צאהל...
ווין מיין קינד, בעגים מיט טרערען
פעלד און גארטען, בארג און טהאל!

וויין, בעגים מיט הייסע טרערען
יענע וויסטע, טויטע פעלד,
וואו עס ליעגט בעגראבען אונזער
אלטע האפנונג אויף דער וועלט.

רייס, צוגראב די אלטע קברים!
רוף ארוים פון זיי צוריק
אונזער אלטען מוטה און גלויבען,
אונזער אלטען פרייד און גליק.

משה רבינו'ס קבר.

ולא ידע איש את קבורתו
עד היום הזה.

(לכבוד ר' מענדעלי מוכר ספרים)

יעדעס מאל, ווען איך פיהל אז עס געהען מיר אוים
אלע כחות פון טראכטען און קלערען
ווי דאס לעבען איז ביטער, דער אומגליק איז גרויס
און קיין מיטעל געהאלפען צו ווערען,

דאמאלס פליהען צו דיר אוים דער פינסטערער וועלט
אוים דעם גלות דעם שווערען און לאנגען,
משה, געטליכער מענש, אונזער קרוין, אונזער העלד,
מיינע ביטערע, טיעפע געדאנקען.

אוי, ווי זיס וואלט געוועז אונז אין טרויער און שמערץ
אויף דיין קבר צו קניהען, — דעם שווערען,
גרויסען יאך פון דעם קראנקען, צובראכענעם הערץ
אויסצוגיסען אין הייליגע טרעהרען.

אבער וועה איז אונז, וועה! אונזער נביא און העלד
הערט ניט מעהר אונזער וויינען און קלאגען,
האט קיין איינציגען טרייסט אונז געלאזט אויף דער וועלט
האט אויף אייביג זיין קבר פערבארגען!...

* *
*

און א קול, א קול פון הימעל
הער איך קלינגען זיס און ריין:
„— ניט קיין קבר פול מיט שימעל,
ניט קיין קאלטען, טוידטען שטיין,

ניין, א קוואל, א ריינעם, זיסען,
און א שטארקען ווי א טייך
האט ער אייביג, אייביג פליסען
אויף דער וועלט געלאזט פאר אייך.

אויף די ברעגען וואקסען, בליהען
בוימער, בלומען פריש און ריין;
פאר זיין הייליג וואסער קניהען
קנעכט און קעניג, גרויס און קליין.

אינ'ם קליינעם, איינגען שטיבעל,
אינ'ם גרויסען, רייכען זאל
קוויקט און פרישט זיין וואסער: ביבעל
הייסט דער ליעבער, זיסער קוואל.

טרויער, אונמאכט, אימת־מות —
אלץ פארטרייבט ער ווי דער ווינד.
געה צו איהם אויף קבר אבות,
זוך אין איהם דיין טרייסט, מיין קינד!“

דריי.

I.

דער עלטער־זיידע.

א וואסער־קוואל, א קיהלער, לויטערער...
א שטילע טויב... א מילדע בלום...
א שיין א ליעבע און א רוהיגע,
א שיין פון בענש־ליכט שוועבט ארום...

אין יענעם נעסט, אין יענעם ווינקעלע
האט פון דער יוגענד ביזן סוף
די אלטע, פרומע פילאסאפיע
געוועבט איהר זילבער־קלאהרען שטאף...

בעוועהט מיט יענער ליעבער ווארימקייט —
האט אויפגעשטראהלט מיט קראפט און מאכט
דער גייסט פון אלטען משה דעססעווער
אין אונזער לאנגער, שווארצער נאכט.

און מיט זיין נאמען פעסט צונויפגעוועבט,
זאל אונז געליבט אויף אייביג זיין
פון אונזער ערשטער פרייער וויסענשאפט
דער קלאהרער קוואל, די ריינע שיין...

II.

דער זיידע.

די ארגעל־רעהרען רוישען, ברומען...
די פידעל זיפצט, עס וויינט די פלייט...
די „זומער־נאכט'ס חלומות" שוועבען...
א „ליעד אהן ווערטער" קלאגט און געהט...

עס געהט און קלאגט א ליעד אהן ווערטער...
אין דעם בעצויבערט העלדען־קלאנג
ניסט־אוים די נאכט איהר שטילען טרויער,
דער טאג — זיין ליכטיגען געזאנג...

דאס ליעד פון מענדעלסאהן־בארטאלדי!
אויך דו, פארקלאגטער, קראנקער יוד,
געפינסט מיט אלעמען אינ'איינעם
א זיסע טרייסט אין יענעם ליעד...

III.

דאס איינּיקעל.

וואס מוזיק! ווער פילאסאפיע!...
אויף דער וועלט־ארענע היינט
פירמא „מענדעלסאהן עט קאמפאני"
פלאמט און פינקעלט, גלאנצט און שיינט...

יודען שלאגט מען, יודען פייניגט מען,
יודען יאגט מען פון דער וועלט...
ליעבער „מענדעלסאהן עט קאמפאני"!
אויף הוצאות דארף מען געלד;

„גיט, זייט מוחל, א הלואה׳לע,
קוויינקעלט ניט און שעהמט זיך ניט;
יודיש בלוט און טרעהרען יודישע?
ס׳איז א גאט־זאך..." און — ער גיט!

ער, דעם דעססעווער׳ס אנ׳איינּיקעל
האלט, פערשטעהט איהר, אויף דער וועלט
פון דער נייער פילאסאפיע:
„בלוט איז בלוט, און געלד בלייבט געלד"...

. . . .

און... איהר זעהט? פון אלע ווינקעלעך,
שוין פערגעסענדיג די קלעפּ,
קוקען טויזענד „מענדעלסאהנ׳טשיקלעך״,
ציהען אוים א הין די קעפּ —

פון דער־וויימען צו בעלעקען זיך,
חאטש־בי פון דער הינטער־טהיר
אויפ׳ן ענגל, אויפ׳ן גאלדענעם,
אויפ׳ן יודישען באנקיר!...

מיין ליעד.

איך בין א חזן אהן א עמוד
כמעט שוין פינף און צוואנציג יאהר.
דאך קלינגען מיינע תפילות תמיד
און כ'האב דערצו א שעהנעם כאר.

א גרויסען כאר פון אלע סארטען
פון אלע שטימען אויף דער וועלט:
מיליאנען פויגעליך אין גארטען,
מיליאנען קוויטעליך אין פעלד.

דער ווינ'שטאק איז מיט מיר מתפלל
אויף טל־ומטר אין דער צייט,
די וועלדער זאגען מיט מיר הלל;
עס קלינגט און זינגט פון יעדער זייט.

דער שטורם העלפט מיר בלאזען תקיעות —
ער האט א שופר גאר א פראכט —
און הערען ממש איז א חיות
זיין בלאזען אין איין אסיען־נאכט;

מיר זינגט די זון מכלכּל־חיים,
הושענות שלאָגט דער ווינד בײַ'ם טײַך...
און מיט אַ ניגון גאָר אַ נײַעם
וויל איך די לידער זינגען אײַך.

מײַן האַרץ איז אָבער ווי אין רינגען
געפּאַסט, און ווײַנען ציהט עס מיך;
מיט וואָס איך הויב ניט אָן צו זינגען, —
מיט „מן־המצר” ענדיג איך...

זאמד און שטערן.

עס שיינט די לבנה; עס גלענצען די שטערן;
די נאכט שוועבט אויף בערג און אויף טהאל...
דאס אלטיטשקע ביכעלע ליעגט פאר מיר' אפען,
איך לייען עס, לייען עס טויזענדער מאל.

איך לייען די הייליגע, טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך א שטימע: „איך שווער —
מיין פאלק, דו וועסט זיין ווי די שטערן אין הימעל,
ווי זאמד אויפ'ן ברעג פונ'ם מער...״

רבונו של עולם! עס ווערט ניט פערפאלען
פון דיינע הבטחות קיין איינציגעס ווארט:
מקוים מוז ווערען דיין הייליגער ווילען,
אלץ קומט אין זיין צייט, אויף זיין ארט.

און איינס איז שוין טאקע מקוים געווארען —
דאס פיהל איך, דאס ווייס איך געווים:
מיר זענען געווארען ווי זאמד, וואס איז הפקר,
וואס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יא, גאטעניו, אמת, ווי זאמד און ווי שטיינער,
צושפּרייט און צעוואָרפען אויף שאנד און אויף שפּאָט...
נו, אבער די שטערען, די ליכטיגע, קלאָרע —
די שטערען, די שטערען — וואו זענען זיי, גאָט?!...

אין וועהטאג־בעט.

(געווידמעט דעם כשר'ן יודישען דאָקטאָר בוקי בן יגלי).

I.

איך ליעג אין בעט א קראנקער
אין צימעריל ארום
איז נעבעלדיג און חשך,
און אומעטיג און שטום.

עס שמעקט מיט גראזען, זאלבען,
עס וועהט מיט טיעפער פיין,
א בענקעניש א הייסע
נאך פרישע לופט און שיין...

עס שוועבט אויף מיר א דרימעל,
א בלייבער חלום ציהט...
עס דרימעלט ניט דער וועהטאג,
עס שלאפט דער טרויער ניט.

מיר חלום'ט זיך: דער זיידע
שטעהט ביי דער ווייסער וואנד...
עס האלט דעם מעבר „יבק"
די אויסגעדארטע האנד;

עס שלאנגט פון זיינע אויגען
א שטומער טרעהרען־קוואל...
דאס זילבער אויף די ברילען
בעגילדט דער אבענד־שטראהל...

און דארטען אין די סקעליעס,
וואו ס'רוישען, קאלט ווי אייז,
די שפיגעל־קלאהרע שטראמען
און ס'וואוינען פלעדער־מייז,

דארט קלאפט און קלאפט דער האמער,
ער ארבייט אהן א שיעור, —
דער שטיינהאקער דער אלטער
טאקט־אוים א שטיין פאר מיר...

*
* *

עס קלינגט דער שווערער האמער
און האקט דעם פעלז מיט מאכט...
אָי, ניין! דאס קלאפט אין פענסטער
דער שטורם־ווינד ביי־נאכט.

דאס קלאפּט צו מיר אין פענסטער
דער בייזער שטורמ־ווינד:
„ווי נאריש איז דאס — רוישט ער —
ווי נאריש, ווילד און בלינד!

„איהר, קראנקע, גראהע, בלייכע,
דערשלאגענע פון שרעק,
צובראכענע פון יאוש
און טרויער אהן א ברעג.

ליעגט רוהיג אין די ווינקלען,
פון טויט און לעבען ווייט!
פאר יונגע, פרישע, שטארקע,
איז שטארבען יעצט די צייט.

„עס קאכט ביי זיי דאס הייסע,
דאס יונגע בלוט אין ברוסט:
עס גארט נאך ליכט, און לעבען,
עס צאפּעלט, בייגקט און גלוסט —

„און שפּריצט און שלאגט פון הארצען
און פליסט אין גרוב אריין,
אזוי ווי פון א לאגעל
דער פרישער רויטער וויין...

מיט זייערע מצבות
איז פול דאס הייליג ארט, —
פאר אלטע, בלייבע, קראנקע
קיין פלאץ ניטא שוין דארט!...

II.

געקומען דער דאקטאר: „וואס פעהלט אייך מיין ליעבער?"
ער נעהמט מיך ביי'ם דופק, בעטראכט מיר די צונג,
„עט, נארעשקייטען—זאגט ער—א קאפעטשקע פיעבער...
געלויבט איז זיין נאמען! אין ארדנונג די לונג,
די לעבער געזונד און נישקשה די נירען...
פרובט איינגעהמען חינע אָבלאַטקעס א פאאר,
מיט יָאד אי די ברוסט, אי דעם רוקען בעשמירען,
א טרוקענע באנקע שאדט אויך ניט... און גאר;
און אלע חולאת'ן שיקט־אב צום שווארצען,
צום פינסטערען יאהר!... הא? וואס זאגט איהר? ס'איז איינג?
עס קוועטשט און עס דושעט?... עס חאפט פאר'ן הארצען?

אך ברודער, דאס איז שוין די יודישע קרענק!
א קרענק, א פערשלעפטע פון כמה יאהר־הונדערט,
איז טיעף ביי דעם יודען אין הארצען אריין...
„און ס'גיבט גאר קיין תרופה ניט״? — פרעגט איהר פערוואונדערט;
ניטא, בלעטערט־איבער דאס גאנצע לאטיין!...
די חכמי־הרפואה, די וועלט־פראפעסארען —
זיי זאגען: דאס מוז נאך פערבלייבען אויף לאנג,—
דער אויר־העולם איז קאליע געווארען,
די מענשהייט, אינ'גאנצען די מענשהייט איז קראנק,
און צייטענווייז טאקע א חולה מסוכן.
פון וואס? דאס פערשטעהט איהר אליין דאך געווים:
די לאסט פונ'ם לעבען צוברעכט איהר דעם רוקען,
דאס לויפען נאך גליק האקט איהר אונטער די פיס...
געפאלענע געטער, צובראכענע טראהנען,
פערדעכטיגע גדולה מיט קלעפ אהן א צאהל,
מיט פאלשע גבורים, פערלאטעטע פאהנען —
דאס אלץ מאכט זי מעהר נאך נערוועז יעדעס מאל
נאר... גאט איז דאך גרויס און פאר איהם איז אלץ מעגליך, —
פון ים ווערט א וואלד און פון בארג ווערט א טהאל,—

עס בײט זיך, בענײט זיך די טבע טאג־טעגליך;
פערענדערט װעט אלץ מוזען װערען אמאל,
דער גאנצער פאראנדעק, די גאנצע קארטינע,
װאס ליעגט אויפ'ן נארישען װעלטעל ביז הײנט"...
— כ'פערשטעה... און דערװײל, הײסט־עס? — באנקעס
און חינע".
— א דאנק, ליעבער דאקטאר! — „אדיע, ליעבער
פרײנד!"...

III.

פילען, פראשקעס גאנצע בערג,
זאלבען, שמירעכצען א מאה...
אך, װאו נעהמט מען זי א צונד,
די קָמֵעַ, די קָמֵעַ?

די קמע װאס דורך איהר
פלעגט מען גיך גענעזען װערען,
גיך און גוט, פון װאס איהר װילט:
פון א קלאפ א שװערען,

פון א רויזען, הארטען אויבס,
פון א שעדליכער פערקיהלונג
אין א פייכטער אסיען־צייט,
אין א רעגענדיגען פריהלינג

פון א גליטש, „א גוטע אויג",
פון א פעטען ביסען,
פון א שרעק (קיין יודיש קינד
זאל פון דעם ניט וויסען!);

ס'איז קיין טרויער ניט געוועזן,
ניט די גרעסטע אימה,
ס'זאל ניט קומען באלד צו זיי
א רפואה שלמה.

אך, וואו נעהמט מען זי אצונד,
אין די טעג, די שטומע, קאלטע,
שרעקליך־שווערע ווינטער־טעג,
דאס קמע'לע דאס אלטע

צו בעפליעגלען דעם גייסט,
די נשמה צו דערקוויקען?...
ארעם, עלענד הארץ! געדענקסט?
ניט קיין שמות און נוטריקון —

פשוט אויסגעכתיב'עט דארט,
אין דעם סטיל, דעם שעהנעם, ליעבען, —
איז געווען דאס איינציג ווארט
„יוגענד" אנגעשריבען!...

אויפ'ן בית־עלמין.

ווייט פון שמערץ, פון גליק, פון אומגליק,
פון דעם לעבען פון דער וועלט —
זעהסטו, קינד די אלטע קברים
אויף דעם שטומען טויטען פעלד?

גרינע בוימער, גראז און בלומען
וואקסען, בליהען דא און דארט...
אך ווי טרויעריג, ווי ארעם
איז דער וויסטער, הייליג ארט!

ניט פון מירמעלשטיין קיין זיילען
זעה איך שטעהן הויך און שטאלץ;
ניט קיין זילבער, ניט קיין בראנדז
מיט געשניטען ביין און האלץ.

און קיין אויפשריפט — „אין דעם קבר
ליעגט א גרויסער, שטארקער העלד“...
ווייסטו קינד ווער ליעגט בעגראבען
אויף דעם וויסטען, טויטען פעלד?

קליינע, אריטע מצבות;
קורצע אויפשריפטען אויף זיי,
קליינע אונבעקאנטע נעמען...
ווער געדענקט, ווער ווייס פון זיי?

ניין, מיין קינד! דא ליעגען גרויסע,
גרויסע העלדען! שטארקע לייט!
אהן טרומייטען, אהן כלי־זין,
איז געגאנגען זייער שטרייט.

אבער לאנג, און שווער, און שרעקליך
האט געדוישט ער און געברענט;
מיט מילליאנען שווערע קייטען,
מיט מילליאנען שטארקע הענד —

האט געדריקט דער בייזער שונא
זייער שוואכעס, קראנקעס הערץ,
האט געוואשען עס אין טרערען,
האט געבראטען עס אין שמערץ.

זייער שלאכט־פעלד איז די ברייטע,
גרויסע וועלט — פון עק צו עק;
זייער שונא איז דער גלות,
אהן אנ׳אנפאנג, אהן א ברעג...

יא, דא ליעגען גרויסע העלדען!
שעהם זיך ניט, מיין קינד, און וויין.
וויין, בענים מיט הייסע טרערען
זייער טויטען, קאלטען שטיין...

דאס יודיש קינד.

(א ליעדעל).

טיעף בעגראבען אין דער פינסטער,
וויים פון לופט און ליכט —
זעהסטו דארט דעם בלינדען ווארים,
ווי ער קריכט?

אין די ערד איז ער געבארען
און בעשערט
איז איהם אייביג, אייביג קריכען
אין דער ערד!

ווי א ווארים אין דער פינסטער,
עלענד, שטום און בלינד, —
לעבסטו אב די קינדהייטס־יאהרען
יודיש קינד!

אויף דיין וויעגעל זינגט דיין מאמע
נישט קיין ליעד
פון א רוהיג־שטילען לעבען
פרייהייט, פריעד, —

פון די גערטנער, פון די פעלדער
וואו דאס פרישע קינד
שפּיעלט און פרעהט זיך פריי און לוסטיג
ווי דער ווינד, —

ניין, א קוואל פון טיעפען יאמער
רוישט און קלינגט;
אי, ווי ביטער איז דאס ליעדעל,
וואס זי זינגט!

טיעפע זיפצען, הייסע טרעהרען
מיט א שטארקער מאכט
קלינגען, רוישען אין דעם ליעדעל
טאג ווי נאכט...

טיעפע זיפצען, הייסע טרעהרען,
הונגער, קעלט —
שלעפּען זיך מיט דיר אינאיינעם
אויף דער וועלט!

און פון וויעגעל ביז צום קבר,
אויפ'ן לאנגען וועג —
וואקסען גאנצע וועלדער צרות,
אהן א ברעג!...

דער צייכען.

„מען האט אמאל ביי׳ם שטערענזעהער,
וואס איז אין הימעל־זאכען קלאהר,
געפרעגט פאר וואס דער רעגענבויגען
בעוויזט זיך אפט א האלבער נאר.

„— דאס איז א צייכען, ליעבע קינדער —
האט ער געענטפערט — איהר געדענקט
פון חומש נאך, אז ווען דער מבול
האט אונזער וועלטעל אבגעשווענכט,

„און נח האט די תיבה זיינע
געעפענט; זענען באלד ארויס
פון דארטען אלע חיות, עופות
מיט אלע שרצים קליין און גרויס,

„און הענדום־פענדום זיך צולאפען
אין פעלד, אין וואלד, אויף בארג און טהאל.
פון זיי האט אונזער לאנד, נאטירליך,
בעקומען אויך א היבשע צאהל.

„צום גרויסען אומגליק האבען אבער
ביי אונז די חיות־טמאות באלד
אזוי זיך אנגעהויבען פלאדיען
און אלע ווינקעלעך — א גוואלד!

„פערפלייצען אלע בעסטע ערטער
צערייבען אונזער האב און גוט,
זיי יאגען אן אויף אונז אנ׳אימה
און זויגען אונזער מארך און בלוט.

„מען קען שוין אפט קיין טריט אפילו
ניט טהאן אין מיטען העלען טאג...
דער בורא־עולם לעבט נאך אבער,
פערנעהמט מיט רחמים אונזער קלאג;

„דער אלטער, שטארקער אל־נקמות
פיהרט קלאהר זיין חשבון יעדעס מאל —
און מיט דעם האלבען רעגענבויגען
בעווייזט ער אונז, אז ס׳וועט אמאל

„(און אפשר גאר אין גיכען טאקע)
א צווייטער גרויסער מבול זיין
און מיט א שטראם פון שטראף און צארען,
פאר אונזער בלוט, פאר אונזער פיין,

„דערשטיקען אלע חיות־רעות
אין טיעפען וואלד, אין פרייען פעלד,
עס זאל קיין זכר שוין אפילו
פון זיי ניט בלייבען אויף דער וועלט!"...

ארבייטער און פרייהייטס־ליעדער

ליעד דער ארבייט.

פאר אייך, מיינע ארימע ברידער און שוועסטער,
װאס זענען צוזייט און צושפרייט אויף דער װעלט
װאס קריכען און בלאנדזשען אויף טויזענדער װעגען,
אין רעגען, אין שטורם, אין היץ און אין קעלט,

פאר דיך, אוי, דו אייביגער קרעכצער און זיפצער,
פערשװארצטער, פערקלאגטער, פעריאמערטער יוד,
טהוט שאלען און זינגען און הילכען און קלינגען
מיין פרישעס, מיין לעבעדיג־פרעהליכעס ליעד,

אין טויזענדער שטראמען גיעסט זיך דאס לעבען
און קומט פארט צום אלטען, צום אייביגען ברעג...
די װעלט איז פאר איינעם א בליהענדער גארטען,
פאר טויזענד — א שװערער, א זומפיגער װעג.

א, לויב און געזאנג דער מיה און דער ארבייט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצען, ליעבענד און היים!
געזונד זאלען זיין די הענד מיט מאזאליעס,
דער שטערן, פון װעלכען עס גיעסט זיך דער שוױיס!

געבענשט זאלען זיין די ווערקשטאט, דאס שפינדעל,
דער האמער, די סאכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאר איינעם א בליהענדער גארטען,
פאר טויזענד — א שווערער און זומפּיגער וועג.

געשמאק זענען, ברידער, דעם שררה׳ס מאכלים!
געשמאקער פון אלעם — דאס שטיקעלע ברויט,
וואס ציהט זיך פון אייגענער, עהרליכער ארבייט
מיט שוויס און מיט מיה, אבי נאר אהן נויט.

געשמאק איז דעם שררה׳ס שלאף אין זיין צימער,
אויף ווייכענקע קיסעלעך, וויס ווי דער שניי;
געשמאקער — א שלומער פאר נאכט, נאך דער ארבייט
אין פעלד, אויף א קאפּיצע פרישינקעס היי.

פיעל ליכטיגער שיינט די זון נאך א רעגען;
די ווארעמקייט — ליעבער און זיסער נאך קעלט;
נאר די, וועלכע האבען דאס אונגליק גענאסען,
פערשטעהען וואס גליקליך=זיין הייסט אויף דער וועלט.

די פייל איז פון שטאהל, דער האמער — פון אייזען,
גאנץ איינפאך געמאכט און ניט איבריג שעהן,
מיט זיי אבער מאכט מען דאס שווערד און דעם פאנצער
און טאקע די הייליגע קרוינען אליין.

דיַער סערפּ איז פון שטאהל, די סאבע — פון אייזען:
קיין ציערונג קיין גרויסע זענען זיי ניט;
אין זיי אבער ליעגט אונזער קראפט, אונזער לעבען,
אהן זייא איז אונמעגליך איין איינציגער טריט.

טא לויבט־זשע און זינגט דער מיה און דער ארבייט!
זינגט, גריסט זיי פון הארצען, ליעבענד און הייס!
געזונד זאלען זיין די הענד מיט מאזאליעס,
דער שטערען, פון וועלכען עס גיעסט זיך דער שוויים!

צום שרייבער.

מיין ברודער! שלעכט איז דיר, איך ווייס;
נאר געה און טראג דעם יאך דעם שווערען,
שטעה שטאלץ און קרעפטיג אויף דיין ארט:
עס מוז, עס וועט דאך ליכטיג ווערען!

ניט שרעקליך איז די פינסטערניס —
ס'וועט אנהויבען צו טאגען;
די שטראהלען וועלען פון דער וועלט
די שווארצע נאכט פעריאגען.

עס וועלען אויפוואכען פון שלאף
נאר נייע לייט מיט נייע מוחות;
זיי וועלען ברייננען אויף דער וועלט
פיעלע נייע, פרישע, שטארקע כחות.

פיעל העללע שטראהלען, גרויסע ליכט
וועט דאמאלס ווערען אנגעצונדען;
דער שלאפער וועט בעקומען קראפט
און ליכטיג וועט ווערען דעם בלינדען.

דאס מוז זיין, ברידער!... אבער איצט,
דערווייל — איז גאט צו דאנקען, חלעבען,
פאר יעדען שטראהל פאר יעדען פונק,
וואס צינדט זיך אן אין אונזער לעבען!

די תפלה.

צו דיר, אָ, פרייהייט! ריינער קוואל
פון פריידען ליכטיגע און שטילע,
פליהט אונזער ליעד, פון טרערען מיעד,
פאר דיר צוגיסט זיך אונזער תפלה:

קום, ליעבע, טרייע, קום צו אונז!
און ווי די שארפע פייל פון בויגען
וועט טהון א שלאג דיין העלער טאג
אין די תלינים'ס בייזע אויגען.

ווי אייזען הארט און שווער ווי בליי,
וועט זיי דיין פרישעס ווינדטעל דריקען,
א טויט־שטראף זיין וועט זיי דיין שיין,
דיין ריינע לופט וועט זיי דערשטיקען.

צו דיר, אָ, פרייהייט! קלאהרער קוואל
פון פריידען ליכטיגע און שטילע,
פליהט אונזער ליעד, פון צארען מיעד,
אין פלאמען גיסט זיך אונזער תפלה...

די פאהן.

ניט פון גאלד־שטאף, ניט פון זיידענס
איז די פאהן געמאכט;
אין א שרעקליכען געוויטער,
אין א שטורם־נאכט

האט געדרישט דאס אלטע שפינראד,
און די בלייכע נויט,
אין א פייכטען קעלער־ווינקעל,
ביי א חלב־קנויט.

האט געוועבט די גרויע פאדעם
ריין און שטייף און גוט,
און געפארבט זיי מיט די לעצטע
טראפען אייגען בלוט.

אלע וועהטאגען און ליידען,
יעדע פרישע וואונד
פון די טיעפע תפיסה־גריבער,
פונ'ם שווארצען גרונד,

פון די הונגעריגע דערפער,
פון די דושנע שטעדט,
וואו עס איז פערבלענדעט דאס לעבען
ווי פון היהנערפלעט;

אלע וועהטאגען און ליידען,
אלץ, וואס יאהרען־לאנג
האט פערגיפטעט איהר נשמה,
ווי די בייזע שלאנג.

אלץ, מיט וואס געדריקט איהר לעבען
האט די טיראנײ
און געמיטה איהר גאל געגאסען
און אין הארצען בלײ —

האט די פאלקס־נויט אין די רויטע
פאדעם איינגעוועבט...
זעהסט? די פאהן — זי וועהט, זי פלאטערט
און צום הימעל שטרעבט.

און די שאטענס ווערען בלייכער,
און עס קרעהט דער האהן —
און עס שיינט דער מארגענשטערען
אויף דער רויטער פאהן!...

ס'איז צייט!

אין רוסלאנד איז יום־טוב: עס גרייט זיך, עס גערתט
דאס לאנד צו א לעבען א נייעם;
עס קלינגען די גלעקער אין קלויסטער מיט פרייד —
מען פייערט „יציאת מצרים".
עס קלינגען די גלעקער, זיי וועקען אי מוטה,
אי גלויבען אין קריסטליכען הארצען —
און שטראמענווייז גיסט זיך דאס יודישע בלוט
אין אבגרונד אין קאלטען און שווארצען!...
עס שוועבט אין א ריינער און ליכטיגער פלוט
דער ענגעל פון פרייהייט און פריעדען —
און טייכענווייז גיסט זיך דאס יודישע בלוט...
ניטא קיין רחמנות פאר יודען!
ניטא קיין רחמנות, קיין גלויבען, קיין גאט!
דעם טויט איז די פרייהייט געגעבען, —
דער יודישער נאמען — צו שאנד און צו שפאט

און הפקר דאס יודישע לעבען!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

חברים און ברידער! די פינסטערע צייט
פון קלאג און געבעט איז אריבער;
גערקומען די צייט
צו פאלען אין שטרייט,
נאר פאלען — ווי שמשון הגבור!...
געקומען די צייט;
ניטא שוין ניט „ווייט",
ניט „נאהענט", ניט „פרעמד" און ניט „אייגען";
איין אומגליק — איין מיטעל; איין שונא — איין שטרייט!
געקומען די צייט,
געקומען די צייט
זיין אייזערנעם נאקען צו בויגען!
איין חוואליע פון צארען זאל זידען, איין שטראם
זאל פליסען אין אונזער נשמה...
איין קבר, איין יתום, איין גואל־הדם,
איין הייליגע, גרויסע נקמה!...
חברים און ברידער! די פינסטערע צייט

פון קלאג און געבעט איז אריבער;
געקומען די צייט
צו פאלען אין שטרייט.
נאר פאלען — ווי שמשון הגבור!...

פריהלינג־ליעד.

1.

עס ווארעמט זיך, עס פיעסטיעט זיך
דאס גרינע אקער פעלד.
עס שפראצט ארויס דאס קערענדיל,
דערזעהט די ליעבע וועלט.

דערפיהלט די זונן די ליכטיגע,
דעם פרישען, פרייען ווינד,
עס ציהט זיך צו דעם הימעל־שיין
און קוויקט זיך, ווי א קינד...

גענוג געלעגען טיעף אין דער ערד,
פון ליכט און לעבען ווייט,
די גראהע טעג, די שווארצע נעכט.
די לאנגע ווינטער־צייט!

שפראצט־אויף, איהר, זאנגען גאלדענע,
און פילט זיך אן מיט זאפט!
פערגים, פערפלייץ דאס פרייע פעלד,
אה, יונגע, פרישע קראפט!

דער פריהלינג געהט... עס בליצט, עס רוישט...
פערשוואונדען ווערען ווייט
די גראהע טעג, די שווארצע נעכט,
די לאנגע ווינטער־צייט...

2.

א שטילע, זיסע רוה צו דיר,
מיין אומגליקליכער פריינד!
דיין אנדענק־שיין, דיין יאהר־צייט־ליכט
איז אנגעצונדען היינט.

דיין שטיבעלע, דיין גריבעלע
איז פינסטער, איינג און קליין.
עס גרינט דאס ערשטע גרעזעלע
ארום דיין קבר־שטיין.

א טויטע שטילקייט שוועבט ארום
דעם שטומען, טויטען ארט...
דאך העל און מעכטיג שאלט און קלינגט
אונז דיין צוואה־ווארט:

—, שפראצט־אויף, איהר, קעמפפער מוטהיגע,
ווי זאנגען פול מיט זאפט!
פערגים, פערפלייץ דאס גאנצע לאנד,
אה, יונגע, פרישע קראפט!

דער שטורם געהט!... עס רוישט, עס בליצט!...
פערשוואונדען ווערען ווייט
די ליידען־טעג, די טרויער־נעכט,
די שווארצע שקלאפען־צייט!...

וויעג-ליעד.

די נאכט איז קאלט; עס רוישט דער ווינד.
שלאף איין, מיין קינד; שלאף איין, מיין קינד!

דו ביזט נאך קליין,
דו ביסט נאך ריין,
ווייסט נאך ניט פון שמערץ און צארען,
מיט פרייד און לוסט
ביי מוטערס ברוסט
שיינען דיר די קינדהייט'ס יאהרען...

די נאכט איז קאלט: עס רוישט דער ווינד.
שלאף איין, מיין קינד; שלאף איין, מיין קינד!

ס'זועט זיין א צייט —
פון יעדער זייט
וועסט דו נייעס זעהען, הערען:

נייע פרייד,
נייע לייד,
ניי׳ געלעכטער, נייע טרערען...

די נאכט איז קאלט; עס רוישט דער ווינד.
שלאף איין, מיין קינד; שלאף איין, מיין קינד!

פרעמדע לייט
פון דער וויים,
וועלען נייע ליעדער זינגען,
וויים פון דיר
אהן א שיעור
וועלען שווערע קייטען קלינגען...

דו הערסט ווי ביטער וויינט דער ווינד?...
שלאף איין, מיין קינד; שלאף איין, מיין קינד!

ס׳איז דא א לאנד,
וואו פיין און שאנד
האט בעדעקט דאס גאנצע לעבען,
גיבט קיין ציעל
דעם געפיהל,

דעם געדאנק — קיין פרייען שטרעבען...

דו הערסט ווי ביטער וויינט דער ווינד?...
שלאף איין, מיין קינד; שלאף איין, מיין קינד!

נאכט און טאג
שמערץ און קלאג
זינגען טרויעריגע ליעדער...
דארט, מיין קינד,
קראנק און בלינד
לעבען, דיינע אלטע ברידער...

דו הערסט ווי ביטער וויינט דער ווינד?...
שלאף איין, מיין קינד; שלאף איין, מיין קינד!

* *
*

רוה דיך אויס, מיין פויגעלע,
שטעה אויף שטאלץ און שנעל,
ס'זאל דיין ליכטיג אויגעלע
שיינען קלאהר און העל;

ס׳זאל דיין קליינע פליעגעלע
ווערען שטארק און גרויס
און — ארויס פון וויעגעלע!
אויף די וועלט ארויס!

דארט, וואו שלאפע ציטערען
פון דעם טיעפען פיין,
מיט דעם שמערץ דעם ביטערען
זאל דיין שלאכט־פעלד זיין!

געגען טרויער, ארמוטה, לייד,
שטרייטען ווי א העלד;
פרייהייט, ליעבע, ליכט און פרייד
ברענגען אויף דער וועלט!...

ניי־יאהר און יום־טוב־ליעדער

ניי־יאהר.

חדש ימינו כקדם.

ניי־יאהר! — שפּיעל, מיין אלטע פּיעדעל!
שפּיעל א ניי, א פרעהליך ליעדעל,
זינג א נייעם, זיסען שיר —
דיינע סטרונעס זאלען קלינגען;
אלע הערצער זאלען זינגען,
זינגען, פרעהען זיך מיט דיר!...
און די פּיעדעל ענטפערט מיר:
— „אויף א בוים ביי׳ם טייך פון בבל
בין געהאנגען איך אמאל,
און נאר קלאגען ווי אנ׳אבל
קאן פון דעמאלט־אן מיין קול...
ניין, איך האב קיין נייע ליעדער,
אלטע קען איך, ליעבע ברידער!
דארט, ביים גרויסען אלטען טייך
האב איך זיי געהערט פארצייטען

און אויף אלע נייע צייטען
איינם נאר ווינשען וועל איך:
מיט זיין ליעבע, מיט זיין טרייהייט
זאל גאט שענקען אייך צוריק
אייער אלטע קראפט און פרייהייט
אייער אלטעס גליק!"...

צום נייעם יאהר — 1889

רבונו של עולם! מיט האפנונג און פורכט,
געקניעט און דעם נאקען געבויגען,
טהוט שטעהען דיין ארעמער, עלענדער קנעכט
פאר דיינע לייטזעליגע אויגען.

רבונו של עולם! פארנעהם פון דער הויך
מיין ביטערען קלאג און מיין ברומען;
טהו נויגען דיין אויער צו מיר, ווייל איך בין
צו דיר אין א שליחות געקומען:

געשיקט האט מיך, גאטעניו־פאטער, צו דיר
דיין זוהן, דיין בן־יחיד ישראל'יק,
מיט וועלכען דו לערנסט שוין צוויי־טויזענד יאהר
פירושים אויף סדרה ב ל ק...

„— געה!—האט ער געזאגט—געה! דו ביסט דאך ביי אונז
א שארפער בעל־דברן, א דיכטער;
דו שרייסט דאך, אז מיר אלע שלאפען פערשוועכט
דו איינער ביסט וואך און ביסט ניכטער:

„— טא געה־זשע און ברייננ אונז צום נייעם יאהר איצט
אוי, גאטעניו! גיב מיר זכרון:
איך האב דיר אזוי פיעל בקשות געבראכט,
אז איך בין צוטומעלט געווארען.

עס קלאפט ווי אין קעסעל־פויק, דונערט און בליצט,
עס ציטערט די ערד ווי פון פיבער,
עס בלאזען די שופרות, עס פאלען די ווענד —
מיר דאכט זיך — די וועלט קעהרט זיך איבער...

און וואס איז דאס, ווייסט איהר? — סך־הכל, הקול
קול יעקב — א קרעכץ פון א חלוש...
דאס טענה'ן מיט גאט, מיט דעם הארר פון דער וועלט
דריטהאלבען מנינים אין פאלעש.

עס הערען זיך קולות ארום און ארום —
זיי קענען א טוידטען דערשרעקען;
רב ברוך בעט דאס, און רב זרח בעט יענס —
עס הודיעט פון אלע פיער עקען...

רבונו של עולם! דו זעהסט דאך מיין הארץ —
איך דיען דיך מיט יראה און אהבה;
טא שטראף־זשע מיך ניט פאר די זינדיגע רייד:
א, האסטו א פאלק א ציקאווע!

רבּ איצען איז קאלט, און רבּ פּיצען איז היים;
היינט וואו איז רבּ שמעריל, רבּ יואל׳יק?
„געה, ברייננ!" — און אנ׳עק, יוד האט בּיי גאט
דאך איינגעלעגט פּשוט א חלק.

ווי הייסט? יעדער יוד שאבּט נאר אב פון זיין גוף
דאס בּיסעלע גשמיות־שימעל —
א בן־מלך זיצט דאך פערבּארגען אין איהם,
ער האלט אנ׳ארענדע אין הימעל.

ער בּעט — נאר אוים איידעלקייט, מחמת עס איז...
פערשטעהט איהר? — עס פּאסט ניט בּאונס...
אין תוך אבּער — קומט טאקע, קומט איהם פון גאט —
ער האט מיט איהם אלטע חשבּונות...

היינט פרעגט זיך א קשיא: פאר וואס־זשע זאל גאט
פאר יודישע־קינדער ניט מאכען
א מופת, א נס, עס זאל ווערען בּיי זיי
אט האטש־בּי די דאזיגע זאכען:

למשל: א טייכעל מיט ראזינקע־וויין
אויף פּסח׳דיגע ארבּע־כּוסות;
א גארטען מיט כּרפּס, מיט מרור א וואלד,
א גאנצע פאבּריק מיט חרסת.

א סאזשעלקע וואסער, אין וועלכע (אנשטאט
די טמא און טרפה׳נע זשאבעס)
עס זאלען ארומשווימען קארפען און העכט,
און טאקע געפילטע — אויף שבת...

דערצו נאך — א ברונען מיט דריי־פראבנע י״ש,
בכיון אויף קידוש צו מאכען,
א פעלד מיט געווירץ אויף הבדלה... וואס איז?
דאס זענען דאך יודישע זאכען.

קרויט, בוראקעס וואקסען דאך וואו נאר א דארף,
פאר וואס־זשע זאל דארטען, אנ׳ערך,
א יוד נאך א לולב זיך שלעפען — איך וויים! —
אין בויבריק, אין גושן... א דרך!

אין וואלד — פיצעריצעס מיט וויינפערלעך — כ׳וויים!
ווער דארף דאס? עס טויג אויף כפרות!
און קריעגען אנ׳אתרוג — איז, געה נאר אקארשט —
הוצאות, אי טרחה, אי צרות!...

א מצוה טהאן? אך, וועלכער יוד זאגט זיך אב?
פריטיי איז דאס פארט ניט קיין יושר:
טהוט מצות ווי באב און ביי יודען בלייבט פארט
אויף טויזענד קבצנים איין עושר.

רבונו של עולם! אוי האסטו א פאלק!...
נאר שטראף מיך ניט, — טיעף איינגעבויגען
טהוט שטעהען דיין ארעמער, עלענדער קנעכט
פאר דיינע לייטזעליגע אויגען.

איך בעט ניט קיין נסים, פערלאנג ניט פון דיר
קיין מופתים פון דיין יד־ההחזקה,
איך וויים דאך — אין סאדעגור איז שוין פון לאנג
געבליעבען אויף דעם די חזקה...

ניין, זאל זיך דיין וועלטעלע געהן ווי עס געהט;
מע דארף זיך נאך נסים ניט יאגען:
דו, גאט, ביסט גערעכט און דיין משפט איז רעכט, —
איך וועל דיר קיין דעות ניט זאגען.

איינס בעט איך ביי דיר, בארעמהארציגער גאט! —
טהו זעליגען אונז מיט דיין פריעדען;
בעשיץ און בעהיט שוין פון שאנד און פון שפאט
דיין עלענדעס ביסעלע יודען;

גענוג שוין, רבונו של עולם, גענוג
מיט יענקב׳ן שלאגען כפרות...
אוי, גאטעניו! נחת א ביסעלע מעהר,
א ביסעלע ווייניגער צרות!...

דאס ניי־יאהר־ליעד.

I.

די ליעבע קינדהייטס־יאהרען...
ס׳געדענק זיך ניי־יאהר מיר:
א פראסטיגער פריה־מארגען:
עס עפענט זיך די טהיר

און ס׳קומט אריין אין צימער
א שייגעציל פון דארף,
ער טהוט א הויפען זוימען
אין בעטעל מיר א ווארף, —

ווייץ, קארען הירזש און האבער —
עס שטעכט דאס לייב, אַי־אַי!
דאס שייגעציל שיט ווייטער
און שיט און זאגט דערביי:

„— געהט־אויף, בליהט־אויף, איהר, זאנגען,
בעדעקט מיין אקער־פעלד!...
מיין ברויט — מיין גאלד — מיין האפנונג,
מיין רייכטהום אויף דער וועלט!״...

בעקומענדיג, געוועהנליך,
א גראשען א שפּיטץ,
פון שבת׳דיגען קוילעטש,
בעדאנקט ער מיך מיט היטץ...

און לאנג נאך קלינגט דאס ליעדעל:
„בעדעק מיין אקער־פעלד,
מיין ברויט — מיין גאלד — מיין האפנונג,
מיין רייכטהום אויף דער וועלט!״...

II.

פארביי די ליעבע יאהרען...
ס׳קומט ניי־יאהר ווידער אן, —
און... שטיינער, שטיינער פליהען,
און ס׳שיט זיך שווארצער מָאן...

עס שטעכט אין מוח, הארצען...
עס שטעכט... אָי, מאמע, אָי!
זעהסט? מיט א גרויסער טארבע
קומט־אן דער גרויסער גוי...

די זוימען אויסגעפרעסען
האט ביזן סוף שוין לאנג

די נױט, די בײזע חיה,
די הונגעריגע שלאנג;

און האט מיט שװערע שטײנער
די טארבע אנגעפילט...
און אונזער טהיר איז אפען
צובראכען אונזער שילד –

און שטײנער פליהען, פליהען
אין װעהטאג־בעט צו מיר...
אך, מאמע, מאמע! גיכער
פערמאך, פערשליעס די טהיר!

פערשליעס די טהיר, פערשליעס מיר,
פערװױעג דאס קראנקע הארץ!...
די קראהען שרײען שרעקליך...
די נאכט איז קאלט און שװארץ...

די קראהען שרײען, קלאגען,
די טױטע נאכט זינגט־מיט
מיט טױזענד טױטע שטימען
מײן ליעד – מײן נײ־יאהר־ליעד...

אויף נאָווי־גאָד.

דאַנקען און לויבען זיין נאָמען דעם ליעבען —
נאָך אַ יאָהר אָבגעלעבט אָרים צו רייך —
פיעל זענען אַלטע חשבונות געבליעבען
פון פאַר אַ יאָהרען אויף ניי־יאָהר ביי איך.

אַלטע חשבונות מיט גאָט און מיט לייטען...
„וואָס זאָל מען טהון? — זאָגט אַ יוד מיט אַ קרעכץ —
היינטיגע מענשען און היינטיגע צייטען...
ניין, ליעבע ברידערלעך! אסור, קיין שלעכטס:

כ׳זאָג איך דען עפּעס? — איך בין דען אַ פּיאַווקע,
וואָס זאָל אָהן אנ׳אויפהער איך זויגען דאָס בלוט?
ניין, ליעבע ברידערליך, היינט, זעהט איהר, דוקא
בין איך מיר פרעהליך, היינט פיהל איך מיך גוט..

שפּיעל־זשע, מיין פיעדעלע, האַדיע צו קלאַגען,
קראַץ ניט די אַלטע, די בלוטיגע וואונד! —
בעסער צום ניי־יאָהר איך מזל טוב זאָגען.
וואָס אָבער ווינשט מען איך, זאָגט מיר, אַצונד? —

וואס ווינשט מען אייך? — נו, קלויבט אייך אויס,
רב בער׳ל, שמער׳ל, רב אליקום!
אך, יודען זענען דורכאויס
א פאלק פון לויטער מפונקים,
אנ׳איידעל פאלק! היינט געה, טרעף־צו,
אז אלע זאלען זיין צופריעדען,
איך האב קיין מיטעל ניט דערצו —
בכן איז אט וואס, ליעבע יודען:
זאל גאט אויף אייך אהן וואג און מאס
ישועות און נחמות שיטען;
איך וועל בעמערקען נאר פון וואס
דער ליעבער גאט זאל אייך בעהיטען:

בעהיט אייך גאט, בעשיץ אייך גאט
פון ליעגען קראנק אויף קינדער׳ס סטשאט,
פון א קליינשטעטיל׳דיגען עושר,
דער ווייב׳ס פערדיענסט, דעם סבארשטשיק׳ס יושר
פון א בעל טאקסע — א מחותן
מיט אבצעהן שניידער... פון א רב
וואס האט צו טהון מיט דעם „ניט גוטען"
און מאכט נאר סיגים על־פי־רוב,
פון טיעפע קעשענעס מיט לעכער,
פון תלמוד־תורה׳ס — אוי! — אהן דעכער!...

פון קהל׳ס ברויט חאטש אויף א ווײַלע,
א מרחץ פאר דריטהאלבען וויערסט,
אנ׳עוף פאר׳ן קראנקען — מיט א שאלה,
א יוך צום סדר — מיט א גערשט;

פון א בעל־חוב, וואס אט געה, היט איהם
ער זאל ניט מאכען, „נא אוטיאק!"
און פון אנ׳אתרוג — אהן א פיטום
און פון שטיעוועל — מיט א טשוואק,
פון קינדער קליינערהייד — חכמים
און פון א פריזיוו מיט „נעלמים"...
בעהיט איך גאט איהר זאלט פאר נויט
פון הייוועז דארפען שלאגען פוטער
און פון יחסנות — באקען ברויט;
פון זייד מיט סאמעט — אהן א ביסעל
גאר פראסטען ליינוואנד אויף א העמד,
פון ווײַן מיט לעקעך אין דער פרעמד
און אין דערהיים — א פוסטע שיסעל...

דו גרויסער גאט, דו ליעבער גאט!
בעשיץ דיין פאלק מיט גרויס גענאד —
פון הייסע קלעפ, פון קאלטע דירות,
פון אינפלוענצא, פון מסירות,

פון „גוטע־יודען‟, פונ׳ם „קריזש‟
פון יין־שרף — אהן אקציז...
און פון א קאזאק מיט א פיקע
און פון א חזן א זאאיקע...
פון שאכער־מאכער, פון האפ־לאפ,
פון אנ׳עין־הרע, פון עטאפ,
פון פראטאקאלען, צרות, קללות,
פון לצים ביי דער נאכט אין וואלד,
פון קרענק, פון לייד, פון נויטה און -- גוואלד! —
פונ׳ם גלות, פונ׳ם גלות!...

„תקיעה־גדולה".

א מרה־שחורה שוועבט און פאלט
אויף אונזער שטעדטיל... יונג און אלט
בעגיסט א שווערער, שווארצער שאטען...
דער קול פון שופר הילכט און שאלט, —
דער אלטער טאן, די אלטע נאטען...
און דארט.... אין פראפיל — די געשטאלט
פון דעם מאעסטרא בעל־תוקע:
א בלייך געזיכט... א גרויע פאה...
א בריל אין זילבער איינגעפאסט...
און צו דער דונקעלער ראצעמארע
א ווייסער קאלנער צוגעפאסט...
א שווערער יאך, א גרויסע לאסט
ליעגט אויף זיין גאלדענער עטרה:
די תקיעות! סטייטש, א קלייניגקייט!
עס ברענט דאס הארץ, עס פלאמט דער מוח...
וואס פאר א מאכט, וואס פאר א כח

עס ליעגט אין זיי... עס גערהט א שטרייט
אויף טויט און לעבען... הויך און ווייט
גיסט־אויס די שטימען פון דעם הארען
דער גרויסער הערלד... לאנגע יאהרען
איז בעל־תוקע ער אין שטאדט...
געוועזען יונג און אלט געווארען,
אי דאר, אי בלייך, נאר, דאנקען גאט,
איהם האט זיין קראפט נאך נים פערלאזען —
ער קרעכצט, ער הוסט זיך־אויס און — אט,
ער שטעלט זיך ווידער שופר בלאזען...

נאר וואס איז דאס?... וואו איז דער קול,
וואו איז דער כח וואס אמאל?...
אהא! זיי לאזען נים! זיי שטערען,
זיי ראנגלען זיך!... נאר ווי א רויך
וועט זייער קראפט פערשוואונדען ווערען,
און פריי און מעכטיג, העל און הויך
וועט ווידער קלינגען, ווידער שאלען
דער אלטער שופר און צו שפאט
און שאנד זיי מאכען!...
ניין, פערפאלען!

דו, ליעבער גאט, דו, גרויסער גאט!
אנטקעגען רוחות, שדים, לילית,
אנטקעגען בייזען אשמדי,
פארצייטען פלעגען העלפען תפלות,
קמעות, גראזען, שפרעכערייִ;
ס'פלעגט זיין געגוג א בלאז, א שפייִ
כדי די טומאה צו פערי‌אגען;
געגוג, א פשיטא, קריאת־שמע זאגען;
און פונ'ם שופר פלעגט ארויס
די קליפה באלד, ווי שטארק און גרויס
זי פלעגט ניט זיין... און איצט?!...
דער'שראקען,
פערציטערט, שטעהט דער גרויער זקן,
דער בעל־תוקע... און ארום
אין שוהל איז דושנע, איינג און שטום...
דער עולם ווארט מיט פורכט און גלויבען...
דער עולם ווארט...
און מיט אמאל
דורך די פערשטויבטע, אלטע שויבען
שלאגט־אויס און פאלט אראב פון אויבען
א פייל פון גאלד און פון קריסטאל...

עס פליסט א שטראם פון הייסע שטראהלען...
און שופרות בלאזען, קלינגען, שאלען...
און הויך און מעכטיג געהט א קול:

„— דארט, וואו דער מענש איז בלינד און טויב,
האלט ווי א קנעכט דעם קאפ געבויגען;
אין טיעפען זומפ, אין שמוץ, אין שטויב,
מיט שפינוועבס קלעפיגע פערצויגען, —
דארט פראווען סעודות פראנק און פריי
מזיקים, שדים, לצים, רוחות;
דארט ווערט א גבור אשמדאי
און יעדער חזיר — א מיוחס!...
ניט נאר אין שופר, ניין, אין האלדז,
אין גארגעל קריכען זיי און שטיקען
און ווארגען אהן רחמנות אלץ —
דעם ריינעם אטהעם, פרייע בליקען,
געפיהל און ווילען... פון דעם שמוץ,
פון זומפ און שטויב, פון שוים און שימעל
איז דא איין תרופה נאר, איין שוץ:
די פרייע לופט, דער ריינער הימעל.
די ברוסט, וואס טרינקט ווי פון א קוואל

פון פרייען ווינד, פון הייסען שטראהל;
דער גייסט, וואס קריכט ניט ווי א ווארעם,
צוקנייטשט, צובראכען ווי די „שברים"
פון אייער שופר; יענער גייסט,
וואס ווי אנ'אדלער פליהט און רייסט
די נעץ פון זיך, די שקלאפען־קייטען,
רייסט זיי אראב מיט בלוט, מיט הויט
פון אייגען לייב, געניסט דעם טויט
אבי דעם שונא צו דערטויטען!...

. . . .

דו הערסט דעם קול — די תקיעה־גדולה?
שטעה־אויף, כל זמן ס'איז נאך ניט שפעט,
מיין פאלק, מיין פאלק, דו, אלטער חולה,
פון דיין פערשימעלטע און פוילע,
פון דיין פערהאסטע וועהטאג־בעט!"...

„דאס קוויטעל“.

I.

רויט פון בלוט און שווארץ פון פולווער,
איינגעהילט אין אימת־מות,
וואו עס הענגט דעם מענשענ׳ם לעבען
אויף א האהר, —

זיי פערהאסט און זיי פערשאלטען
מיט די גרעסטע, מיט די טיעפסטע
קללות, ביטערער און בייזער
אלטער יאהר!...

זיי פערשאלטען, זיי פערשאלטען
פאר די בלוטיגע קרבנות,
פאר יתומים און אלמנות
וועמעס קלאג

פליסט און גיסט זיך ווי די שטראמען
פון די פעלזען אין די טהאלען,
אהן אנ׳אנפאנג, אהן אנ׳אויפהער,
נאכט און טאג!...

II.

אין דער האנד א רייזע־שטעקען
און א פעקעל אויף די פלייצעס, —
זיי געבענשט פון ערד און הימעל,
אלטער יאהר!

זיי געבענשט ווי דער געוויטער
מיט די דונערען און בליצען,
וועלכע מאכען ריין דעם אויר,
פריש און קלאר!

זיי געבענשט פאר יענע בליצען,
יענע שטראהלען, יענע פלאמען,
וועלכע האבען אונז מיט נייעם
ליכט בעשיינט

און אין אונזער קראנקען הארצען
אויפגעמונטערט מוטה און ווילען,
הויך און שטאלץ דעם קאפ צו האלטען
פאר'ן פיינד!

III.

און צו אייך, צו אייך, פארקלאגטע
און פעריאמערטע נשמות
אינ'ם יאך פון וועהטאג, אנגסטען,
שאנד און שפאט —

„קינדער מיינע, קינדער ליעבע!" —
קלינגט די שטימע פונ'ם שטארקען
אלהי־צבאות, פון אונזער
אלטען גאט:

„ניט מיט קרעכצען, ניט מיט טרעהרען,
ניט מיט סודות און חלומות,
נאר מיט ווילען און מיט שטרעבען
אויפ'ן וואהר

צו א פרייען מענשען-לעבען
שרייבט אייך־אן אליין דאס קוויטעל
אויף א ליכטיגען און זיסען
נייעם יאהר!"...

על־חטא.

איך געדענק: פארצייטען,
אין די קינדהייט'ס־יאהרען,
אז איך פלעג יום־כפור
שטעהען ביי דער וואנד
אנגעטהון אין ווייסען,
הונגעריג און דורשטיג,
מיט דעם אלטען, גראבען
מחזור אין דער האנד

און מיט הייסע טרעהרען
און מיט גרוים כונה
דעם „על־חטא" פון אנהויב
זאגען ביז'ן סוף, —
פלעג איך עפעם פיהלען
גלייך ווי כ'בין אין חלום,
גלייך ווי איך וואלט ליעגען
אין א טיעפען שלאף:

„זאג על־חטא! נו, גיכער!״ —
פלעגט דער טאטע הייסען.
איך מאך אויף דעם מחזור,
שטעה און קוק איהם אן
צעהנדליגע עברות,
צעהנדליגע חטאים,
וואס איך האב זיי קיינמאל,
קיינמאל ניט געטהאן...

גרויסער גאט דו מיינער!
איך, א יודיש יונגעל,
איך, א קליינס, אנ׳ארימס,
קראנקעס יודיש קינד,
קען איך דען זיין שולדיג
אט אין די עברות,
אין אזעלכע גרויסע,
שרעקליך־שווערע זינד?

„שחד״... „נשך״... „מרבית״ —
פערציג דריי עברות
איך, א יודיש־יונגעל...
געהט שוין, — גלאט גערעדט!...

ניין, צו גראָב געוועזען
איז פאַר מיר דער מחזור
און צו לאַנג דער גרויסער
צעטעל פון על־חטא...

* * *

טעג, חדשים, יאָהרען
זענען פאַרגעגאַנגען —,
איך בּין אַלט געוואָרען,
אַלט און שוואַך און גרוי;
מיינע האָר בּעשׂאָטען
האָט דער שניי פון עלטער,
אויף מיין קראַנקען האַרצען
ליעגט דער אָווענד־טהוי...

פון דעם קליינעם יונגעל
איז אַ יוד געוואָרען...
איינזאַם איז מיין צימער
זיץ איך איצט פערטראַכט:
דונקעלע געדאַנקען
ציהען זיך און שוועבּען,
ווי די שוואַרצע וואָלקען
אין אַנ׳אָסיען נאַכט:

איך בעטראכט דיין לעבען,
ליעבעם פאלק ישראל,
כ'קוק אין אלע ווינקעלעך,
קוק, בעטראכט, בעקלעהר:
אונזער הייסע אחדות,
אונזער טיעפע פריינדשאפט,
וועלכע וואקסען, ווערען
גרעסער אלץ און מעהר,

אונזערע מתעסקים,
בעלי־טובה'ס, וועלכע
באדען אונז אין שפע,
גיסען פרייד א קוואל,
אונזערע רבנים,
אונזערע דינים,
שולען, תלמוד־תורה'ס,
הקדש'ן ... א כלל,

אונזער טיעפע עהרע,
אונזער הייסע ליעבע
צו דעם נאמען, וועלכען
שוין דריי טויזענד יאהר

טראגען מיר און טראגען
ווי דעם בעסטען אוצר.
לאזען ניט אפילו
פאלען אויף א האר,

היטען זיך און סטארען,
קיינער זאל ניט קענען
אונזער ריינעם נאמען
מאכען צו געשעפט...
איך בעטראכט דאס אלעס,
נעהם דעם גראבען מחזור,
עפען אויף דאס לאנגע
צעטעל פון „על־חטא", —

און... אך, זאגט מיר, ברידער,
ניט מיר צו פארשטעהען —
וואונדערליכע זאכען
זעה איך אויף דער וועלט...
וואס איז דאס געווארען
מיט'ן לאנגען צעטעל?
גוואלד, צו קורץ, רבותים
גוואלד, עס פעהלט! עס פעהלט!!...

מיין סוכּה.

מיין ליעבּע, שעהנע, טהייערע,
מיין הארציגע נשמה,
אט וועל איך דיר באלד אויסשטראיען
א סוכּה א נחמה.

קיין אינסטרומענטען דארף איך ניט —
א האק, א זעג, א האמער;
פיער דרוטשקעס, א פּאאר צוועקעלעך,
און אויך די טהיר פון קאמער.

א טיש־בּרעט און א לאקשען־בּרעט,
דערצו נאך א פּאאר לאדען,
און אויב עס בּלייבּט א לעבעל וואו,
איז אויך גאר ניט קיין שאדען.

אבי עס זאל דער דאך אויף אונז
מיט גרינס בּעדעקט נור ווערען,
און שיינען זאל אונז דורכ'ן סכך
דער הימעל מיט די שטערען.

אוּן לעבער איז דאך נארישקייט —
זאל זיין אי דא אי דארט...
אין הארצען איז דאך גרעסערע,
אוּן, עט; מען לעבּט דאך פארט!...

אין סוכה.

זיי מיר געבענטשט, מיין זיסע רוה,
מיין גרין און שטיל געצעלט!
דאס איינציג ווינקעלע וואו כ׳פיהל,
אז ווירקליך אויף דער וועלט

איז דא א בליהענדע נאטור
מיט פרישע דופט און זאפט;
מיט ליכטיגקייט, מיט ווארימקייט,
מיט לופט און פרייד, און קראפט...

א מלאך־אויגעלע, א פונק
פון געטליך ריינעם פלאם,
אנ׳אווענד־שטערען ווינקט צו מיר
פון בלאהען הימעל־ים.

עס ווינקט, עס בליצט, עס ציהט צו מיר
א פאדעם גאלד־שיין,
בעוועבט, בעשפינט מיין עלענד הארץ
און שלעפערט שטיל מיך איין...

עס ווינקט, און בליצט, און שעפּטשעט: „— לאנג
און פינסטער איז די נאכט.
פון זומפּען הייהלען ציהט זיך פריי
איהר שווארצע, בייזע מאכט.

„דער אלטער כּישוף האט צושפּרייט
די פליעגלען . . . ער פערשמיעדט,
פערקלעמט דיין ברוסט אין חלום־קייט,
ער וועהט מיט גיפט, ער שיט

„מיט פּחד־שטויב אויף אלץ ארום,
מיט אונמאכט, אנגסט און פּיין . . .
און איך קליין, ארעם שטערענדעל,
איין פונק פון יענער שיין,

„וואס גיט דער וועלט פון אייביג־אן
איהר נעהרונג און איהר פּראכט,
איך הער ניט אויף איין אויגענבליק
צו פיהלען יעדער נאכט,

„ווי אנגעזאפּט מיט יוגענד־קראפט,
מיט קראפט, מיט פלאם, מיט גלאנץ
אין גאלד־געשטריקטען קעניג־קלייד
אין העלען פּורפּור־קראנץ,

„שטעהט־אויף דער טאג, דער יונגער טאג,
דער ליעבער שטראהלען־העלד,
געבענטשטער בכור פון דער נאטור
און שפיעגעל פון דער וועלט...

„איך קען די נאכט, — זי האט שוין פיעל
נשמה׳לעך דערשטיקט;
איך וויים אין וואס איהר מאכט בעשטעהט
איהר שווארצער כח ליעגט.

״און איך, קליין, ארעם שטערענדעל,
איך זאג דיר: גלויב און האף —
עס געהט א טאג, פון ליכט
און לעבען אהן א סוף.

„פון זיין גן־עדן־ווארעמקייט,
מחיה׳דיגע שיין
וועט ווערען יעדען מענשען ליעב,
און ליעב און טייער זיין

די ווארהייט און גערעכטיגקייט
אזוי ווי לופט און ברויט,
איין פאטער־הויז פאר אלעמען
וועט ווערען אויפגעבויט;

„מיט פאלמען־צווייגען, פריעדען־סכך
געדעקט — איין נעסט, איין וויעג;
איין פאטער־הויז, איין וועלט־געצעלט
פון לעבען, פרייד און גליק...

„דאס פריש בעגינען־ווינדטעלע —
עס עטעמט שוין, עס וועהט...
דער טאג, דער טאג, דער גרויסער טאג —
ער געהט, ער געהט, ער געהט!"...

אין סוכּה.

(חלום-בּילדער).

I.

מיר דרימעלט זיך... מיר חלומ'ט זיך
א קיהלע, נאר א ליכטיגע
אונ שטילע סוכּות-נאכט
מיט שטערענדלעך, צושאטענע
ווי פיין-געשליפטע דימענטען,
אין בּלויען הימעל-פּראכט.

די שטערענדלעך די גאלדענע,
די קלאהרע, פרומע אויגעלעך,
וואס זענען אייביג וואך,
זיי צאנקען און זיי שימערען,
זיי פינקלען און זיי ווינקען מיר
און שיינען דורכ'ן סכך.

עס בלאזט א מילדעס ווינטעלע,
אנ׳אטעם א בעלעבענדער,
פון ווייטען, פרייען פעלד;
עס פאכט־ארום א שטיל געראויש
פון דונקעלע, מאטע נאכט־שטימען
מיין גרין־בעדעקט געצעלט...

מיר דרימעלט זיך... מיר חלומ׳ט זיך:
עס ציהט זיך און לאסטשעט זיך
צו מיר דער פרייער ווינד
און זוממט און זינגט א ליעדעלע:
„— די נאכט איז קיהל, די נאכט איז שטיל,
שלאף, רוהיג שלאף, מיין קינד!

שלאף רוהיג, ארים, עלענד קינד!
דיין וויעגעל פלייסיג וויעגענדיג,
צו־קאפענס שטעהט ביי דיר
דאס ליעבע קלאהר־וויים ציעגעלע...
שלאף רוהיג, ארים, עלענד קינד! —
די לאדען מיט דער טהיר,

דאס זאלץ־בּרעטעל, די לאָקשען־בּרעט,
די לאַפּעטע, די קאַטשעלקע,
די מוּלטער און הכּלל,
דער גאַנצער סאַמע יודישער,
מאַסיווער, בּעל־הבּית'ישער
און פיינער מאַטעריאַל,

פון וועלכען עס איז אויסגעבּויט
אין אַלטען סטיל, אין גלות־סטיל
דיין גרין בּעדעקט געצעלט —
ניטאָ קיין בּנין לייטישער,
ניטאָ קיין פעסטונג זיכערער
און שטאַרקער אויף דער וועלט;

בּאֱמת עָרֵי־מִסְכְּנוֹת
מיט וואַנד פון שטאָל און מירמעל־שטיין,
א פעלז, א ציטאַדעל;
עס פאַלען שלעסער, מויערען,
עס ווערען חרוּב פּאַלאַצען,
פון טעמפּלען ווערט א תל —

און זי, די סוּכּה... חא־חא־חא!...
איך טהו א בלאז — איין אויגענבליק —
שוין, דוכט זיך, פאלען גרייט,
זי בויגט זיך, וויעגט זיך, טרייסעלט זיך...
אט קראכט זי, אט צושיט זי זיך...
און זעהסט?—זי שטעהט, זי שטעהט!...

טא שלאף־זשע זיס און אומגעשטערט,
בעדעקט מיט גרינס מיט זאפטיגען,
ניט ריהר זיך אויף א האהר,
ווי דיינע אמת־גליקליכע
און פרומע עלטער־עלטערען
כמעט צוויי טויזענד יאהר!״...

עס ציהט זיך און עס לאסטשעט זיך,
עס בלאזט און זינגט דאס ווינטעלע:
„שלאף... חא־חא־חא... מיין העלד!״.
עס בלאזט און זומט, עס זינגט און פייפט
און ווערט פערשוואונדען לאבענדיג
אין וויימען פרייען פעלד...

II.

מיר דרימעלט זיך... מיר חלומ'ט זיך;
אין פייכטען נעבעל איינגעהילט,
אין סוכּה קומט אריין,
דעם לולב ציערליך האלטענדיג,
דער אלטער שמש אונזערער,
א מילדע, ווייכע שיין,

א שיין פון בענש־ליכט גיסט זיך אוים,
בעדעקט מיט בלייכען זילבער־גלאנץ
דעם אתרוג אין זיין האנד —
דעם אויבס דעם ליעבען, הייליגען
פון גרינעם ואלד, פון וויטען וואלד
אין אונזער הייליג לאנד,

„— בענש אתרוג — זאגט דער אלטיטשקער —
זמן שמחתנו, זוהנעניו,
ערפיל דאס אלט געבאט"...
איך הער זיך אין זיין שטימע איין,
איך קוק זיך איין אין פנים איהם —
וואס איז דאס, ליעבער גאט?!

ער בויגט דעם רוקען אויס,
הויבט־אויף דעם אלטען גרויען קאפּ
און ווערט פערענדערט גאר,
ווערט הויך און שטאלץ, ווערט יונג און פריש,
דאס סיווע בערדעל — טונקעלער,
דער שטערען גלאט און קלאהר;

די אויגען גליהען בליצענדיג
מיט ווילען־קראפט, מיט צארען־פלאם;
ער אטהעמט טיעף און שווער...
איך קוק זיך איין אין פנים איהם,
איך הער זיך אין זיין שטימע איין...
איך קוק זיך איין און הער:

„— מיט הויכע בערג, מיט שווארצע בערג,
מיט ווערדער טיעפע, פינסטערע
פערצוימט פון אייך, פערשטעלט,
אויף יענער זייט סמבטיון ליעגט
צושפּרייט, צעוויקעלט ברייט און פריי
א גאנצע גרויסע וועלט;

א גרויסע וועלט, א מענשען וועלט,
מיט מיה, מיט זארג, מיט ארימקייט,
מיט הונגער נויטה און קעלט —
און דאך א וועלט א גליקליכע,
א גליקליכע, א ליכטיגע,
אנ'אייביג־יונגע וועלט.

פון תפיסות פון פערניכטעטע,
פון קייטען פון צובראכענע
פערשלאגט דעם לעצטען קלאנג
די שורה פון דעם גרעסטען גליק —
דאס לעבען־ליעד, דאס פריידען־ליעד,
דער פרייהייט'ס לויב געזאנג.

סמבטיון קאכט, סמבטיון ברענט,
מיט גיפט און פייער אטהעמט ער
און לאזט ניט צו צום ברעג;
צוגליהטע שטיינער, איינגעטונקט
אין פעך און שוועבעל, שיטען זיך
ווי האגעל, אהן אנ'עק.

איהר, שוואכע, איהר, דערשלאגענע,
איהר נידעריגע „קנעכט ביי קנעכט״,
איהר שטעהט, דערוועגט זיך ניט
א ריהר זיך טהאן פון אלטען ארט,
דעם גרעניץ־שטריך אריבערגעהן
אפילו אויף א טריט:

און זיי — זיי פאלען הונדערט־ווייז,
בעגיסען זיך מיט הייסען בלוט
און געהען, געהען דאך
און רייסען פונ׳ם האלז אראב
די גרויסע קייט, די שווערע קייט,
דעם אלטען שקלאפען־יאך.

און, אין דערווייטען שאַלענדיג,
פון שלעסער פון צובראכענע
פערשלאגט דעם לעצטען קלאנג
די שורה פון דעם גרעסטען גליק,
דאס פרייהייט־ליעד, דאס פריידען־ליעד,
דער זיסער לויב־געזאנג!״...

III.

מיר דרימעלט זיך... מיר חלומ'ט זיך:
עס ליעגט און הערשט אויף בארג און טהאל
א טיעפע, בלינדע נאכט
און ווינדען רוישען, ברעכענדיג
די צווייגען אינ'ם אלטען וואלד
מיט צארען און מיט מאכט.

און דער סמבטיון קאכט און ברענט
און קולות קלינגען, גיסען זיך
צום פלאמענדיגען פלוס
פון בארג און טהאל, פון וואלד און פעלד
„— א גרוס אייך, רויטע יודעלעך!
א הייסער, טיעפער גרוס.

מיר, קראנקע, מיר, דערשלאגענע,
מיר, נידעריגע „קנעכט ביי קנעכט",
דערווייטערטע פון אייך,
מיר, וועמען פון די יונגע טעג
דערצעהלט מען באבע־מעשה'ס גאר
פון יענעם ווייטען טייך.

וואס ברענט און קאכט, צוגיסענדיג
אויף אייער ברעג דעם זודיגען
און פלאמענדיגען פלוס,
מיר שיקען פון דער פינסטערניש
א גערוס אייך רויטע יודעלעך,
א טיעפען, הייסען גרוס!״...

איהר, כחות, ריינע, הייליגע,
וואס הערשען אין דער אייביגקייט,
פעריאגט די נאכט, בעוועהט
דאס עלענד הארץ מיט שטרעבען־קראפט
צום העלען טאג, צום גרויסען טאג
פון פרייהייט גליק און פרייד!...

די לאקשענברעט.

(א סוכות מעשה׳לע).

יום־כפור, דאנקען גאט, אוועק:
דערלעבט, געטרייע ברידער,
אוים וויינען, זיפצען גאנצע טעג —
מען זיצט אין סוכה ווידער;

מען זיצט בעדעקט מיט גרינעם סכך
אין רוהע און אין פריידען...
דער לולב שיינט, דער אתרוג שמעקט —
א ריח פון גן־עדן!...

מען לעבט, מען פרעהט זיך, מען קוועלט־אן
ווי קינדער אין די וויעגען...
אי, אי, ווי גוט איז מצות טהאן —
בפרט מיט פערגעניעגען

עס קומען אבער־פאר אמאל
דערביי אזוינע זאכען,
וואס ממש, כ׳זאג אייך, גרוים און קליין
אהן כחות בלייבען פון לאכען,

פערוואַרף דעם קאָפּ און קייקעל זיך
און האַלט זיך בײַ די זײַטען!...
די מעשה איז געווען בײַ אונז
אין שמוינעווקע פאַרצײַטען.

איהר מעגט עס הערען: משה־בער,
א בעל־הבית אין שטעדטיל,
האָט פלײַסיג צו דער סוכּה זיך
גענומען; וואו א ברעטיל,

א טהיר, א לאַדען — אַלץ געשלעפּט
צום בנין, אַלץ גענומען;
די מולטער מיט דער לאַקשענברעט
איז אויך צונויף געקומען;

אַלץ פײַן און ריכטיג צוגעפּאַסט, —
די לאַקשענברעט בעזונדער:
א גאַנצע לאַך פערשטעלט מיט איהר...
א סוכּה גאָר א וואונדער!

אי הויך, אי ברייט, אי גרויס, האָטש טאַנץ
האָטש דאַווען מיט א מנין;
פאַר בראָדסקין און פאַר גינצבורגען
אנ׳אויסגעטאַקטער בנין.

און דאנקען גאָט, דערלעבט די צייט —
מ'איז פון שׂול געקומען
און צו די יום־טוב'דיגע פיש
מיט חשק זיך גענומען.

— „אֵי, העכט מיט חריין! איך זאג אייך, נעהמט
די ביטערסטע טריפ'ניאקעס,
וואס עסען חזיר אויפ'ן פּוד
און קוויקען זיך מיט ראקעס

און ווילען ניט (א מכּה זיי!)
א ווארט פון יודען הערען,
נעהמט זאגט זיי: „פיש מיט חריין” — איז רעכט
חאטש די כּפּרה ווערען”!...

אזוי האט אונזער משה־בער
גע'דרש'נ'ט־זיך בנעימות
און נאך די לאקשען ברייט און פיין
גענומען זיך צום צימעס.

נאר דא, אין מיטענדרינען... גוואלד,
וואס איז דאס? גאָט דו ליעבער!
די סוכּה טרעסטשעט, הוידעט זיך
און ציטערט ווי פון פיעבער...

עס טהוט א קרעכץ, א קנאק און... טררראך!
אוים סוכּה!... וואונדער, כ'לעבּען,
וואס ניט דער'הרג'עט... יא, ארוים
נאר טאקע מיט'ן לעבּען:

בּיי משה־בּער'ן איז א האנד
צובּראכען, בּיי נחמה'ן
א פּוס, בּיי רבקה'לען פּערקלעמט
דאס בּייכעל... ווען דער מאמען!

בּיי יאסעלען צוהאקט א ליפּ,
בּיי נחמנ'קען צוריסען
א בּאק, און חוץ דעם נאך די צונג
א האלבּע אבּגעבּיסען.

פון צייהן און נעזער רעדט מען ניט...
איהר פרעגט: וואס איז די סִבּה?
ווער האט דאס אלץ דא אנגעמאכט?
א חזיר, מיינע ליעבּע!

דעם שכנ'ס חזיר איז פארבּיי
געגאנגען פונ'ם שפּאציר
און בּיי דער סוכּה אבּגעשטעלט
א קראץ זיך טהון... נו, קראצט ער

פאמעליך, וואלט קיין אומגליק זיין...
איז ניין, ס'איז איהם ניט ניחה,
מיט אלע כחות אנגעשפארט
ווי מיט א מין רציחה,

און דוקא אן דער לאקשענבערט!..
א תל פון אלץ געווארען...
נו, היינט דעם מנהג ווייסט איהר דאך
פון יענע אלטע יאהרען:

געטראפען וואס ניט איז אין שטאדט —
איז געהט מען צו'ם קווארטאילנע.
מע בעט איהם ער זאל משפט'ן,
ווי ס'רעדט זיך, גאנץ פארמאילנע.

אין שול אפילו האט מען שוין
גערעשעט: ס'דארף דער שכן
פאר אלץ בעצאהלען, — הערסט, ווי דען?
זיין חזיר האט צובראכען!

נאר דער קווארטאילנע איז געווען
א חכם עתיק: „— אמת,
האט ער געזאגט, א הזיק, יא:
די שולד איז אבער וועמעס?

דעם חזיר׳ס? ניין: א גראבע זאך

יא, אבער ווייטער — גאר ניט:

עס בייסט איהם, נעביך, קראצט ער זיך;

וואו שטעהט עס, אז מען טאר ניט?

ניין, שולדיג איז די לאקשענברעט:

נאך וואס איז זי געפאלען?

כ׳וויס, אויף א פרעמדע קעשענע

איז יעדערער א בעלן.

נאר איהר בעקלערט די זאך אליין

גאנץ רוהיג און געדולדיג —,

א יא? דער חזיר איז גערעכט,

די לאקשענברעט איז שולדיג!"

הושענות.

„אני והו הושיעה נא".

א ליעבער גאסט איז דא ביי אונז —
הושענא־רבה איז געקומען!...
א גרוס דיר, אלטעס פאטערלאנד,
מיט דיינע פרות, צווייגען, בלומען!
א גרוס אייך, פעלדער, גארטענס, לופט
און שיין און ווארימקייט! א זיסען,
א ליעבען גרוס אייך, בארג און טהאל,
וואו וועלדער רוישען, טייכען פליסען,
וואו ליעדער קלינגען ווי א קוואל,
און קוואלען קלינגען ווי די ליעדער!...
ווי זיס איז אונז דיין לופט און ליכט
האטש פון דערווייטען פיהלען וויעדער
איין טראפּען האטש פון אלטען גליק
זאל היינט דערפרישען אונזער גומען...
א גרוס דיר, אלטעס פאטערלאנד,
מיט דיינע פרות, צווייגען, בלומען!...

* *
*

מען האט אין שוהל׳כעל אויסגעקעהרט
און אויסגעראמט אין אלע עקען,
אויף גיך פערוואשען ווי ניט איז
פון בלוט און מארך די שווארצע פלעקען,
פערשטאפט די לעכער אין די ווענד,
אריינגעשטעלט א דריי־פיער שויבען,
פערריכט די שטענדערס מיט די ביינק —
און זאל זיך פרעהען גאט פון אויבען!...
הושענא־רבה איז ביי אונז!
און וויפיעל יודישע נשמות,
אזוי פיעל ליעגט „הושענות״ דא
צושפרייט, צעווארפען. א רחמנות
צו קוקען! — נעכטען זענען זיי
געווען אי פריש אי פייכט, ביי׳ם ריינעם
און פרייען טייכעלע געלעבט,
געוואקסען און געבליהט אינ׳איינעם.
און איצט...

* *
*

דער עולם איז אוועק,

דער שמש האט די טהיר פערשלאסען;
א שטומער, טויטער דונקעל ליעגט
אין יעדען ווינקעל אויסגעגאסען.
און אין דעם טויטען דונקעל דא
איז אבגעבילדעט פונ'ם וויעגעל
און ביזן קבר אונזער וועלט
ווי אין א ריינעם, העלען שפיעגעל:
פון אונזער אלטען, ליעבען בוים
ווי מיט א מעסער אבגעשניטען,
צושפרייט, צעווארפען, מיט די פים
אין שטויב, אין בלאטע איינגעטריטען...
איינס נאר — די טהיר איז אפען!... געהט
און זוכט, געפינט דעם בוים דעם אלטען..
די טהיר איז אפען, — הויבט זיך אויף
און געהט... מען וועט אייך ניט פערהאלטען...

* *

*

הושענא־רבה איז ביי אונז.
דער הימעל שפאלט זיך... יודען קוקען
און ווארטען... אין די אויגען ברענט,
עס שטעכט אין קארק, עס ברעכט דער רוקען...

אח, שטראף מיך ניט, דו, גרויסער גאט!
אודאי, כ׳האב צו דיר קיין טענות,
נאר פארט... א פאלק, א גאנצעם פאלק
פון – אבגעשלאגענע הושענות!!!!...

דער הימעל שפּאלט זיך.

(א הושענא־רבה ליעדעל).

ווי טרויעריג, פינסטער און קאלט איז די נאכט!
דער הימעל מיט וואלקען בעצויגען;
איין איינציגען שטערען, איין איינציגען פונק,
זוך איך אין דער הויך מיט די אויגען.

געדיכט זענען אבער די וואלקען און שווארץ —
זיי האבען די שטערען בעהאלטען...
„— נו, נארעלע, נו, וואס־זשע קעהרט עס דיך אן?
היינט מוז דאך דער הימעל זיך שפּאלטען..."

יא, יא, טאקע אמת — היינט איז דאך די נאכט,
ווען יעדער קען אויפגעריכט ווערען:
דער קרומער קען אנהויבען וויעדער צו געהן,
דער בלינדער צו זעהען, דער טויבער צו הערען;

די וויסטע עקרה — א מוטער צו זיין
און וויעדער א ווייב — די עגונה,
דער שטומער קען ווערען א מגיד אין שטאדט;
דער בעטלער בעקומען בכבוד חיונה;

דער גרעסטער לא־יוצלח קען ווערן א גביר,
דער גרעסטער שלים־מזל — א פריץ,
אנ'אייזעל, א פערד — בעלי־דעה אין שטאדט,

אַ דַין — דער גרעסטער עם־הארץ;
א שוסטער קען ווערן א „מוציא־לאור" —
א נחת צו הערען, א חיות צו קוקען! —
א ווייג־שענקער אנ'הויבען קוועטשען קריטיק,
אנ'אלף־בית־יונגעל — ראמאנען צו דרוקען.

א זקן קען ווערן אי יונג אי געזונד
און אנהויבען ווידער דאס רעדעל צו פיהרען,
אין שול־הויף קען ווערן א גארטען — א פראכט; —
אין הקדש—א פאלאץ מיט פענסטער און טהירען...

א שמאלץ־גרוב ביי יעדען מלמד אין שטוב,
און וואו נאר א קלויז — א גן־עדן...
א כלל: עס קען ווערן א גליקליכע וועלט
מיט חכמה, מיט גבורה, מיט פריינדשאפט און פריידען!...

— טא זאגט־זשע מיר, יודען! פאר וואס־זשע האט איהר
ביז איצט אזא פינסטערען פנים —
אביונים — ווי זאמד אויף דעם ברעג פונ'ם ים,
ווי שטערען אין הימעל — קבצנים?

קבצנים, דלפנים מיט צרות, מיט שלעג,
יתומים, עגונות, אלמנות...
איך קוק אויף אייך, יודען, און קען דאס גאר ניט
פערשטעהען — אויף מיינע נאמנות!

עס געהען, עס פליהען א יאהר נאך א יאהר
און ציהען אלץ לענגער דעם אומגליק דעם אלטען;
עס שפאלט זיך דער מוח, עס שפאלט זיך דאס הארץ —
ווען וועט זיך דער הימעל שוין שפאלטען?!...

שמחת תורה.

„שמחת תורה — האָפּעניו!
מיט'ן פּוס אַ קלאָפּעניו,
מיט'ן צונג אַ קנאַקעלע —
און אין האַרץ... אַ מכּה'לע"...
(אַנ'אַלט פאָלקס=ליעדעל).

פרעהליך און פריש
זעצט זיך צום טיש,
מאכט סעודת־מלך,
קוויקט זיך און טרינקט,
יודעלעך, זינגט
לעבעדיג, פרעהלעך!
אהן וואג און אהן א מאס
א כּוס נאך א כּוס —
האט ניט קיין מורא,
קוויקט זיך און טרינקט.
יודעלעך, זינגט
לכּבוד התורה!...

* *
*

אך, יודישע שמחה׳ם
און יודישע ליעדער!
זאגט, זאגט מיר, איך בעט אייך,
ערקלערט דאס מיר, ברידער:
פאר וואס ווערט פון זיי אזוי שווער?
דאס הארץ ווערט פערקלעמט,
דער קאפ ווערט געבייגען
און אפט גאר ניט ווילענדיג
טריפט פון די אויגען
א הייסע, א ביטערע טרעהר?...
פיעל מאל האט דאס גליק אונז
זיין פנים געוויזען
די זון פון נצחון
געשיינט און געבליצט;
מיר זענען געוועזען
שטארק ווי די ריעזען —
און דאך, ברידער, האבען
מיר נאך ביז איצט
קיין איינציגען יום־טוב

וואס זאל ניט דערמאהנען
אויף אונזערע אלטע,
צוריסענע פאהנען,
אויף אונזער צובראכענעם שווערד;
אויף יענע גבורים,
וואס זענען געשטארבען,
אויף יענע מזבחות,
וואס ליעגען פערדארבען,
צושטויסען, צושפרייט אויף דער ערד;
קיין ליעד וואס זאל האבען
צוויי פרעהליכע ווערטער,
צוויי ליכטיגע ווערטער,
וואס זאל זיך אין זיי
ניט הערען קיין ביטערער
בייזער געלעכטער,
פון שאנד און פון וועהטאג
קיין ווילדעם געשריי...

* * *

גרויסער, ליעבער יום־טוב, שמחת־תורה!
הויך און ליכטיג שיינט דיין העלער שטערען.
פאר אזעלכען יום־טוב, האטש פאר איינעם,
איז כדאי צו פאסטען צעהן תעניתים...

הגדה־ליעדער.

I.

דער חשבון.

די אלטע הגדה ליעגט אפען. א בלאט
א גאנצע (איך לייען זי גערען)...
א חשבון א קלארער מיט דרוש און מיט פשט
פון מכות, וואס פרעה האט נעביך געהאט.
אי, מכות! בעהיט זאל מען ווערען!
דער חשבון ביי רבי עקיבא איז קלאר:
צוויי הונדערט מיט פופציג! א קלייניגקייט גאר!
מ׳קאן שוין מיט דעם אי דעם גיהנום פערשפארען...
איך לייען די אלטע הגדה און טראכט:
„רבונו של עולם, ווי גרויס איז דיין מאכט
און שרעקליך אויף אונזערע שונאים דיין צארען!"...

נאר וואס איז דאס? וועמעס געלעכטער ביי נאכט
דערהער איך?... ער גיסט־זיך מיט ביטערע טרערען...
„— אוי, יודישע־קינדער דער חשבון זאל ווערען
נאך קלארער, בערעכענט די אומגליקען, שלעק,
די בלוטיגע מכות, די ביטערע צרות,
וואס גאט האט געשאטען אויף אונז אהן אנ׳עק,
און ניט אויף די ימים, און ניט אין מדברות
און וועלדער, וואו וויסט איז אי פינסטער, אי איינג,
אי אונמעגליך וואסער א טראפען בעקומען —
בענעצען די ליפען, דערפרישען דעם גומען;
ניט דארט, וואו עס קריכען די גיפטיגע שלענג,
ניט דארט, וואו די חיות די שרעקליכע ברומען...
. . . .

גרויס, גרויס איז דער חשבון, אהן מאס און אהן צאהל,
די ציפער געשריעבען מיט פייער און שטאהל,
מיט קייטען די שורות געקאוועט, אין וואונדען,
אין בלוטיגע וואונדען די בלעטער געבונדען,
און טיעף ווי דער אבגרונד און שווארץ ווי די נאכט
איז דארט אויפ׳ן טאוועל די אויפשריפט געמאכט. —

אהן ווערטער געקריצט און אהן פעדער געשריבען. —
די מכּה, וואס אונז איז פון פרעה געבליעבען:
דער חשך!... אוי, ברידער, איהר זעהט
אן רבי יהודה'ס סימנים,
ווי שרעקליך, ווי ברייט
צוגאסען, צושפּרייט,
ער ליעגט אויפ'ן יודישען פּנים?!..

יא, גרויס ווי די וועלט איז דער חשך! — און דאך
מיר לעבען נאך, ברידער, מיר ציהען זיך נאך
פון שמוץ און פון שימעל,
פון שלאפקייט און דרימעל,
פון הונגער און קעלט
צום ליכטיגען הימעל,
צום גליק אויף דער וועלט!..

II.

ארבע כּוֹסוֹת.

דער גרויער ווינטער איז אוועק,
דער יונגער פריהלינג איז געקומען...
צינד אן די ליכט פון עק ביז עק,
בעקרענץ דעם טיש מיט פרישע בלומען!
דריי שענסטע רויזען, העל און פיין,
קלויב אוים, מיין קינד, און שטעק אריין
אין מרור, כּרפּס און חרוֹסת
און מיט דעם ריינסטען, בעסטען וויין
גיס אן ביז פול די ארבע כּוֹסוֹת!

מיט פרייד און ליעבע אהן א מאס,
מיט הייסען גלויבען, טיעפע טרייהייט
הויב אויף, מיין קינד, דעם ערשטען כּוֹס
פאר אונזער אלטע, זיסע פ ר י י ה י י ט! —
אין ים־סוף ליגט די שווערע קייט,
דער קנעכטשאפטס־יאך פון לאנד מצרים...

א גאַנצע אייביגקייט פערגעהט —
און יעדען יאהר וואַכט אויף און שטעהט
דער גרויסער נס פאַר אונז עד היום...

דעם צווייטען כּוס הויבּ אויף, מיין קינד,
לכּבוד אונזער אַלטע תּוֹרה —
די ליעבּע, איינציגע מנוֹרה,
וואָס פלעגט אין גרעסטען שטורם־ווינד
אין האַגעל, פינסטערניש און רעגען
פערהיילען אונזער לייד און פּיין —
פערגיסען וואַרימקייט און שיין
פאַר אונז אויף אַלע וויסטע וועגען...

דעם דריטען כּוס נעהם, קינד, אין האַנד
און הויבּ איהם אויף ווי אַ זכּרון
פון אונזער אַלטען פאַטערלאַנד,
פון יענע טעג פון יענע יאהרען,
ווען אונזער פאָלק האָט אויף דער וועלט
געהאַט אַ היים, אין רוּה געזעסען
און פון זיין אייגען, פרייען פעלד
אַנ'אייגען שטיקעל ברויט געגעסען...

דעם לעצטען, פיערטען כּוֹס גיס־אָן
און טרינק, מיין קינד, — לחיים, ברידער,
פאר אונזער נייע פרייהייטס־פאהן,
זי זאל אין וועג אונז פיהרען ווידער
צו אונזער ליעבען פאטערלאנד:
מיר זאלען, פריי פון לייד און שאנד,
דעם לאנגען גלות דארט פערגעסען,
ניט וויסען מעהר פון שרעק און נויט
און ווידער אונזער אייגען ברויט
פון אונזער פעלד אין נחת עסען!...

מה נשתנה.

I.

א פערוואָרפען שטעדטעל
אין די אלטע צייטען.
ערב־פסח. ס'פלאַקערט,
ס'קאָכט פון אלע זייטען...
ליכטיגע מלאכים
פליהען ווי א וויכער,
טרייבען־אונטער, איילען:
„גיכער, יודען, גיכער!"...
די מלאכים שוועבען,
פליהען־אָב צום הימעל, —
און פון גי־התופת,
פונ'ם זומפען־שימעל
רוישט דער בייזער בלבול —
גיהנום־קעסלען זידען:
„גויאיש בלוט אויף פסח!...
גויאיש בלוט ביי יודען!"...

II.

ליכטיגע מלאכים
פון די נייע צייטען:
וויסענשאפט און בילדונג,
ליכט פון אלע זייטען...
פון די קירכען־טורמס
געהען פאסחא־קלאנגען...
מנורות, ווייערך, בלומען...
און ווי בייזע שלאנגען
קריכען שווארצע שאטענס
פון דער אלטער שנאה,
און ווי גיהנום־קעסלען
קאכט די גאנצע מדינה:
„יודיש בלוט אויף פאסחא!...
פייניגט אהן רחמנות!...
צו דעם קרבן־פסח —
יודישע קרבנות!“...

שבועות־ליעד.

זיסער שבועות־אראמאט...
שאטענס גרינע שוועבען...
פונ'ם אלטען, טיעפען וואלד
וועהט מיט יונגען לעבען —

מיט פריהמארגען־ליכט און פרייד,
אבענדס בלאהע, קיהלע...
גרינע צווייגען שעפטשען זיך...
הערט זיך איין: די שטילע,

גראהע אייביגקייט דערצעהלט
פון די אלטע יאהרען...
. . . .
. . . .

*
* *

אויסגעציהרט אין הימעל־פראכט,
שטראהלען־קראנץ און בליצען־בלומען —
איז דאס הייליגע געזעץ
אויף דער ערד אראבגעקומען:

און מצרים, צו די קנעכט,
פאסטוכער און ציגעל־קנעטער
האט איהם גאט געשיקט צו זיין
זיי א העלפער און א רעטער.

שטאלץ און זיכער האט זיין וועג
דער שליח אנגעהויבען, —
אדלער־פליעגלען האבען פריי
איהם געטראגען, און פון אויבען

האבען העל געשיינט פאר איהם
שטערען ליכטיגע ווי זונען;
דאך דעם רעכטען וועג צו'ם פאלק
האט ער ניט געפונען...

און דער בורא האט געזאגט
צו דער פרייהייט: „דיינע
אויגען זעהען בעסער... געה,
ליעבע טאכטער מיינע,

„צייג דעם וועג איהם — און דאס פאלק
וועט בעגעגנען איהם מיט גלויבען״...
און די פרייהייט האט איהר פאהן
הויך און מוטהיג אויפגעהויבען!...

ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט
האָט די וועלט... אַ ריינער, זיסער
קוואַל פון יוגענד, ליכט און פרייד
האָט פערפליצט, ווי אַ געוויסער,

די פערשטויבטע, אַלטע וועלט...
אומגעריכט אַ נייעם
געגנער מיט אַ נייער קראַפט
האָט דערפיהלט מצרים —

און דער אַלטער מדבר־ספינקס
האָט פערמאַכט די טויטע אויגען,
מיט'ן גראָהען מאַרמאָר־קאָפּ
צו דער ערד זיך צוגעבויגען...

*

* *

הויבט־זשע אויף די תּורה הויך,
ברידער מיינע! און מיט טרייהייט
און מיט הייסער ליעבע זינגט,
זינגט אַ לויב דער פרייהייט!

לויב דער פרייהייט! זי האָט אונז
מיט דער געטליכקייט פעראייניגט
און אַ ברייטען, פרייען וועג
פאַר דער תּורה אָבגעריינגט;

זי האט אונזער פאלק געפיהרט
פון מצרים און ביז ציון;
אייביג זאל איהר בילד ביי אונז
טיעף אין הארצען גליהען.

זי זאל ווערען אונזער ציעל,
אונזער ווילען, אונזער שטרעבען,
נויטהיג זיין, ווי ברויט און לופט,
טייער — ווי דאס לעבען.

שעצען זי און ליבען זי
הייסט אליין די תורה,
גאט אליין האט זי בעקרוינט
מיט דער קרוין פון בכורה...

הויבט־זשע אויף די תורה הויך,
ברידער מיינע! און מיט טרייהייט
און מיט הייסער ליעבע זינגט,
זינגט א לויב דער פרייהייט!...

שבועות.

I.

א כישוף־מאכער איז די נאכט,
די שטילע, בלאהע נאכט —
מיט צארטע פינגער האט זי מיר
די אויגען צוגעמאכט;

די אויגען מיר פערשלעפערט שטיל,
דאס הארץ מיר אויפגעוועקט:
מיט ווייסע פליעגלען, ווייך ווי זייד,
מיך ליעבליך צוגעדעקט.

דער ליעבער, גרינער יום־טוב געהט.
די לופט איז בלאה און ריין:
אויף יעדען גרעזעלע שטראהלט־אויף
א העלער איידעל־שטיין...

II.

„דער גרינער יום־טוב קלאפט אין טהיר
די זון געהט־אויף און שיינט.
וואו, זיידע, וועלען מיר דאס גרינס
אויף יום־טוב נעהמען היינט?"

„— וואו, פרענסטו? קום, מיין גאלדען קינד,
אויף אונזער הייליג ארט, —
דער פריהלינג האט מיט גראז בעדעקט
דיין טאטענס קבר דארט...

„קום, קינד מיינס! אונזער אייגען גרינס
דערקענען איז ניט שווער:
פון יעדען גרעזעלע שטראהלט־אב
א הייסע יתום־טרעהר"...

מתן תורתנו.

מיר דרימעלט זיך... מיר חלומ'ט זיך
א בילד פון יענע יאהרען,
וואס זענען מיט דער עלטער מיר
אי ווייט, אי פרעמד געווארען...

שבועות, ליעבע קינדערלעך,
שבועות איז געקומען!
בעפלאכטען מיט גירליאנדען גרינס,
בעקרענצט מיט פרישע בלומען.

געהט זומער־לעב... עס שיינט און קלינגט
אין וואלד, אין פעלד, אין גארטען;
עס פליהען, פליהען פויגעלעך
און זינגען שירה דארטען:

„דער ליעבער גרינער יום־טוב געהט,
זמן מתן תורתנו!...
און גאט איז אנ'איין־איינציגער,
זיין תורה'לע איז איינע!

„דארט שטעהט...״

אין וואלד, אין פעלד, אין טהאל,
ארום אויף אלע ערטער
ווי פערעל, שיטען, שיטען־זיך
די ליעבע, זיסע ווערטער...

נאר אונבעמערקט הויבט־אן א ווינד
צו בלאזען און צו ברומען...
א שווארצע חמארע רוקט זיך אן,
פערדונקעלט גראז און בלומען,

לעשט־אוים די פונקען אויפ׳ן טייך,
דאס גינגאלד אויף די זאנגען,
און פונ׳ם זומפ אין טיעפען וואלד,
וואו ס׳הערשען פרעש און שלאנגען

און פלעדערמייז — רייסט זיך ארוים
א טייוועלשער געלעכטער...
עס געהט א ווינד־זייל בייז און ווילד,
די צווייגען רייסט און ברעכט ער...

„— חא־חא־חא־חא! — לאכט אשמדאי —
שבועות... א לצנות!
מיר מאכט זיך אויף א יום־טוב׳ל
ניט זעלטען, בנאמנות;

„א יום־טוב׳ל. א פראזדניקעל
א פרעהליכער ביי לייטען:
עס זענען אויף דער וועלט פארהאן
אזוינע גוטע צייטען.

„(און איך בעגרייף, דערפיהל זיי באלד
מיט אלע מיינע חושים)
ווען אויף דער תורה מאכט מען גרינג
גאר נייענקע פרושים:

„למשל — ווען גאנץ עפענטליך
מען איז דעם עולם מזהיר:
ושמחת בחגיך הייסט —
פרעס, זויף און הוליע, חזיר!

„ווען, געהענדיג פון גאס צו גאס
און מיט א ווילדען זמר
שהחינו אויף א שטאף געמאכט
און קידוש אויף אנ׳עמער,

„דערפיהלט דער בלינדער, ווילדער מענש
און זעהט עס בפרהסיה,
אז גזלנ׳ען און רצחנ׳ען
איז גאר א מצות עשה...

„ווען יענע, וועמען ס׳איז פון גאט
די מאכט און קראפט געגעבען
צו היטען אייער האב און גוטס,
בעשיצען אייער לעבען,

„דערלאזען אלץ...״
ניין, אשמדי!
ניין, ניין! דו, שר של טומאה!
חאטש גרויס איז נאך דיין קראפט ביז איצט
און שרעקליך די מהומה,

דאך גלויב איך ערענסט, הייס און טיעף
און פיהל מיט אלע גליעדער —
גאט'ס ליכט, גאט'ס מאכט, גאט'ס העלער טאג
וועט אונז ערשיינען וויעדער;

דאס לעבען וועט אונז נייעם מוטה
און נייע כחות טראגען,
די שלאנגען און די פלעדערמייז
צוריק אין זומפ פעריאגען.

מיר וועלען, ווי די גליקליכע
נשמות אין גן־עדן,
דעם גרינעם יום־טוב פייערען
אין ליכט, אין לופט, אין פריידען!...

ל"ג בעומר.

וואס פאר א העלד
פליהט דארט אין פעלד
קלינגענדיג מיט אייזען און שטאהל?
אונטער זיין פערד
וויעגט זיך די ערד
ציטערט דער בארג און דער טהאל...
וואס פאר א פיינד
איינגעהמען היינט
געהט ער? איהם שלאגען צו טויט,
וויסט און צו שאנד
מאכען זיין לאנד
רויבען זיין קלייד און זיין ברויט...

נאריִשע וועלט!
נאריִשער העלד,
נאריִשע גבורה, נצחון!
גליקליך איז דער,

וואס אויף געוועהר
לעגט ניט ארויף זיין בטחון.
און אז שוין יא,
איז עפּעס דא
בעסערס פון ביקסען, קאנאנען,
טויזענד מאהל ווערטה
מעהר פון דעם שווערט,
מעהר פון טראמפּעטען און פאהנען...

א נאריש בילד, א ליעבּעס בילד
שטעהט אויף און שפּיעגעלט זיך און שפּיעלט...
די ריינע קינדהייטס־יאהרען,
די חדר־צייט, די יונגע טעג
שיפּט וויעדער־צו צום שטילען ברעג
דער שיפער — דער זכרון:
אין פעלד, אין פעלד, אין פרייען פעלד,
הויך ווי די טאנענבוימער
שטעהט אונזער רבי, אונזער העלד,
איין מאל אין יאהר — ל״ג בעומר,
דער רבי שטעהט, — אין ברוסט א בראנד

פלאם־פייער אין די אויגען,
א פיילענבויגען אין דער האנד
איז שרעקליך אנגעצויגען.
דערזעהען איהם מיט זיין געוועהר —
א לייב, א העלפאנד און א בער
וואלט אנגעהאפט א פיעבער...
מיט וועמען האלט מלחמה ער,
דער גרויסער, שטאלצער גבור?
די סטעפ איז פוסט, די סטעפ איז וויסט;
דער רבי ציעלט זיך דאך און שיסט —
דעם שטן טויט צו שלאגען,
די קליפה צו פעריאגען!
תל מאכען פון זיי אלע דא
פון אשמדי דעם בייזען,
פון לילית וכל כת דילה
נשמות צו דערלייזען...
און יעדען יאהר ל״ג בעומר געהט
דער רבי צו געניסען
דעם העכסטען גליק, די טיעפסטע פרייד —
דעם שטן טויט צו שיסען!...

יא, אמת, רבי, אייער מאכט
איז גרויס, די היילינקייט א פראכט;
דער שטן מיט זיין גאנצער כתה
אין דלת אמות ארום אייך
אזוי ווי פייער אויפ'ן טייך,
פערליערט זיין כח און זיין שליטה.
איך גלויב אייך, רבינו, איך ווייס,
איך פיהל עס טאקע טיעף און הייס —
אויף אונזער וועלט, אין אונזער לעבען
איז אייך א צויבער קראפט געגעבען.
פאר אייך קיין שווערקייט איז ניטא,
איהר קענט דעם שטארקסטען פיינד פערשטויסען;
אין איינם, אין איינם נאר האט איהר דא
א טעות, רבי, און א גרויסען:
דער אומגליק איז, וואס גאר ניט דארט,
אין סטעפ, אין מדבר, איז דער ארט
מיט אונזער שטן, מיט'ן אלטען
און בייזען פיינד, מלחמה האלטען:
ניין, אונזער קליפה, אונזער פיינד,
איז צווישען אונז, זי זיצט ביז היינט
אין יענע נארעס, יענע לעבער

מיט קרומע װענד, מיט פוילע דעכער,
װאוהין עס גיסט זיך ניט אריין
קיין פרישע לופט, קיין העלער שיין,
קיין ליעבע װארימקייט פון הימעל,
קיין פויגעל־ליעד דאס הארץ דערפרעהט,
קיין פרישעס װינדטעל ניט בעװעהט,
ניט לופטערט אוים דעם אלטען שימעל;
אין יענער ענגשאפט, יענעם שמוץ,
װאו נעהמט צונויף דאס גאנצע גוטס —
איז ניט א גראשען צו בעצאהלען;
װאו ס'איז ניטא קיין יונגער דור
דער מענש װערט גרוי צו דרייסיג יאהר,
פון שטויב דערשטיקט, פון נעץ געשװאלען;
װאו װי א װארים שטום און בלינד,
פערשװארצט, פערציטערט יעדען אבר,
װאקסט־אוים אין נויט דאס יודיש קינד,
און װאו פון װיעגעל ביזן קבר
לעבט אב זיין נאריש װעלט דער יוד,
פערדארט, פערטריקענט װי דער דארען,
און פיהלט ניט אייביג װי עס גליהט
ביי'ם פרייען מענשען, ברענט און זידט

דער הייליגער, דער פרייער צארען!...
ער שטעהט, ער ציטערט, בויגט דעם קארק,
אהן פּים, אהן הענד, ווי פון סוחאטע,
פאר יעדען הונד, וואס בּילט אין מארק,
פאר יעדען חזיר אין דער בּלאטע...
דער שׂטן פּליקט איהם אוים די בּארד,
די קליפּה שפּייט איהם אין די אויגען,
און ער בּלייבּט שטעהען אויפ'ן ארט —
די ליפּען שטום, דער קאפּ געבּויגען,
דאס פּנים פינסטער ווי די ערד,
און איין געדאנק פערקלעמט, פערפרוירען:
„— אזוי מסתמא איז בּעשערט,
א יוד איז דאך דערצו געבּוירען!״...

אט, אט־וואו, רבּי, איז דער ארט
פון אונזער אומגליק פון פארצייטען...
שטעהט אויף, שטעהט אויף, מיט קראפט און ווארט
אנטקעגען אונזער שלאפקייט שטרייטען!
שטעהט אויף, שטעהט אויף, צוברעכט, צורייסט
די קייט, אין וועלכער אונזער גייסט

איז איינגעבונדען, איינגעשמיעדען.
אידר פיהלט די שטארקע, שווערע קייט?
דעם שטן, רבי, שיסט און טויט,
די קליפה הרגעט צווישען יודען!...

חנכה שפיעל.

„— קינדער! הערט, וואס כ׳וועל אייך פרעגען —
האט געזאגט אונז נחום מענדעל
חיים־בער׳ס (— א יונג מיט ביינער
און דערצו א קלוגע קאפ):

„פורים־שפיעל איז פון פארצייטענס
דא ביי אונז; דאס גאנצע שטעדטיל
קאכט און ארבעט, ברענט און פלאקערט,
א יריד, א טאראראם!

„קומט א חנוכה — איז גאר ניט;
אבגעבענטשט די ליכטלעך, לאטקעס
אבגעגעסען, מיט׳ן דריידעל
אבגעדריידעלט — און א סוף.

„סטייטש, מיט וואס איז, זאגט מיר, ערגער
נעביך, חנוכה פון פורים?
און פארוואס ניט מאכען טאקע
אויך אויף חנוכה א שפיעל?

„וואס? איהר מיינט מען דארף דא עפּעס
גרויסע חכמות? גאר ניט! נעהמט אונז
ווי מיר שטעהען דא, איז האט איהר
גאר אינגאנצען, גיך און גוט:

„איך וועל זיין דער מלך־יון,
דו, אברהמ'יל, שפּיעלסט, למשל,
מתתיהו כהן־גדול,
און יונים וועלען זיין —

„חיים, טאדרעס, איצע, בּערקע,
חנה, נחמן, פּיצע, שמערקע,
עוזר, לייזער, גרשון־בּער
ווער עס וויל — אבי וואס מעהר.

„דארף מען וואס? א פאהן? א קיצור —
צו א לאפּעטע א פּראסטע
בינדט מען צו א טלית־קטן, —
פּאך מיט איהם און שריי: „הוררא!

„הויבּט זיך יודען! א מפּלה
אויפ'ן יון! איינגעזונקען
זאל ער ווערען!"... הא? וואס ווייטער?
בּגדים פרעגט איהר? אויך א זארג!

„איך, למשל... ס'איז א פענדעל
דא ביי אונז פון רויטען קופער
מיט א שפיציכיגען הענדטעל,
כ'מהו זי אן, פערוויקעל זיך

„פון דער נאז און ביז די פיאטעס
אין א קאלדרע א רויטע
און, פערשטעהט איהר? אט־א בין איך
אנטיוכוס אויסגעטאקט.

„איהר, יונים, ס'הייסט סאלדאטען,
טהוט זיך־אן אין קליידלעך, קאפטעס,
ווי דער מנהג איז ביי גרעקען;
שטעקענס, קאטשערעס און העק

„וועלען זיין ביי אייך כלי־זיין.
סמירררנא!... שאגאם... מארש!... פערשטאנען?
דו אברהמ'יל — מתתיהו —
נעהם ביי'ם טאטען דעם חאלאט

„מיט די קוטאסען, א בגד
פאר א כהן־גדול — פשוט
אויסגענאסען; דארף מען בעסערם?
אנ'אנטיק — אי ברייט, אי לאנג.

„חוץ־דעם, ברודער, נעהם א גרויסען,
לאנגען, שארפען מעסער, מחמת,
ווי דו ווייסט דאך, דארפסטו דארטען
שטעכען יונ׳ם קאמאנדיר;

„שטעל דיר פאר: דער ילד אין גרויסע,
לאנגע שטיוועל, מיט א קעסעל
אויפ׳ן קאפ, מיט לאנגע וואנצעס,
מיט א שפיז אין האנד... און דו —

„טהוסט א שפרונג, לויפסט־צו — „דו גזלן!" —
שרייסטו — „דו, רוצח איינער!
ווילסט מען זאל אויף גאט פערגעסען?
אויפ׳ן גרויסען, שטארקען גאט,

„וועלכער האט פון לאנד מצרים
אונז דערלייזט, דעם ים געשפאלטען
און אריינגעפיהרט דאס ליעבע
פאלק־ישראל אין א לאנד,

„וועלכעס טריפט מילך און האניג,
בליהט מיט באקסערען און מאנדלען, —
זאלען מיר אויף איהם פערגעסען?
צו דיין געטצקע בוקען זיך?

„כּורעים פאלען פאר'ן חזיר,
וואס דו ברייננסט איהם פאר א קרבן?
הא? דאס פאדערסטו, דאס ווילסטו?
ניין, א מכּה דיר אין האלז!

„נא דיר, נא, ימח־שמו'ניק!"
און א שטאך איהם מיט'ן מעסער
גלייך אין בויך אריין!... פערשטעהסטו?
די יונים בלייבען שטעהן

„אויף א רגע ווי פערגליווערט...
נאר דערזעהענדיג דעם גבּור
מיט די וואנצעס, ווי ער אקערט,
גראבּעלט מיט דער נאז די ערד,

„חאפּען זיי זיך אויף און לויפען
הענדום־פּענדום... א בּהלה,
א דערשטיקעניש... עס פליהען
קלעפּ ווי האלץ... עס קאכט, עס זידט...

„דער מזבּח קעהרט זיך איבּער
אויף א זייט... דער חזיר חריוקעט,
קוויטשעט!...
שטעה נאר... ווארט א בּיסעל!..."
נחום מענדעל שטעלט זיך־אב.

טהוט א רייב דעם שטערן — „הערסטו? —
מאכט ער, — „גאר ניט נאריש, כ'לעבען,
א מזבח מיט א חזיר...
גוט... נאר... אבער אז אזוי

„הייסט עס, דארף מען דאך א חזיר?
ווער־זשע וועט דעם חזיר שפּיעלען?...
בערקע! הער, דו ביזט א נפש
מיט א געמבע, האסט א קוויטש

„במתּנה פון זיין ליעבען
נאמען, — אי, א קוויטש! ס'איז ממש
אנ'אנטיק; דער גרעסטער חזיר
איז א הונד אנטקעגען דיר.

„נעהם זשע בערקע־לעב, די ראליע,
שעם זיך ניט, פאר א דבר־מצוה
מעג מען, ברודערקע"...
נאר בערקע
ווערט צוקאכט: „אָ, געה אין דר'ערד!" —

שרייט ער אוים — ווער איינגעזונקען
מיט דעם גאנצען שפּיעל אינאיינעם!
הערסט א פּלאן? א שעהנעם כבוד
גיט ער מיר — א חזיר זיין!?"

קורץ דערצעהלען, וויפיעל יונגלעך
ס'זענען דארטען ניט געוועזען,
קיינער האט דעם חזיר שפּיעלען
בשום אופן ניט געוואלט, —

א טרפניאק, אנ'אפּיקורס,
א גלות — חאטש דעם גרעסטען
הולטאי — וואס איהר ווילט, אבי נאר
ניט קיין חזיר... אט אזוי

ליעבע ברידער, ווי כ'דערצעהל אייך,
איז צו נישט געווארען אונזער
שפּיעל אויף חנכּה, פערפאלען
נחום־מענדעל'ס גאנצער פּלאן.

איך דערמאהן מיך אויף די אלטע
יאהרען, און איך טראכט: באמת
וואלט א יושר זיין צו מאכען
אויך אויף חנכּה „א שפּיעל".

אי מחברים, אי אקטיארען,
קיין עין הרע זאל ניט שאדען,
האבען מיר; וואס קאן זיין גרינגער?
און בפרט־נאך איצטער, ווען, —

ווי איהר ווייסט אליין מסתמא,
צווישען יודען, ליעבע ברידער,
אין א חזיר א מניעה
וואלט אודאי ניט געווען...

חמשה־עשר.

(שטיקלעך ערֿאינערונגען).

א גרוס דיר, אלטער, דונקעלער וואלד!
א גרוס דיר, גרינער פירות־גארטען!
אין ווייטען לאנד, אויף יענער זייט
פון בערג און ימים, ערגעץ דארטען,

פון וואן ס׳געהט־אויף צו אונז די זון
און שמעלצט אין גאלד דעם הייסען זומער,
איז יום־טוב – ניי־יאהר היינט ביי אייך...
אוועק פון מיר, מיין פיין, מיין קומער!

א פרישער לופט־שטראם ציהט אויף מיר...
עס בליהען אויף די ווייטע יאהרען,
און ס׳טרעט־ארויס א ליעב געשטאלט
אין קלאהרען שפיעגעל – אין זכרון:

עס ברענט דער פראסט, די גאנצע גאס
איז ביז די קניע מיט שנעע פערשאטען;
און ס׳פיהלט זיך דאך א זיסע שיין,
וואס גיסט זיך דורך דעם ווינטער־שאטען...

א זיסע ווארעמקייט פילט־אן
די יונגע הערצליך... מיר לויפען,
מיר פליהען, פול מיט זארג און פרייד,
חמשה־עשר־כבוד קויפען.

א זיסע מצוה... געלד — ווי מיסט;
ווי פון אנ׳אוצר שעפט דאס קלייטעל;
די בעסטע סחורה איז דארט היינט
א פייג, א באקסער און א טייטעל —

די פרוכט פון אלטען פאטערלאנד,
פון הר לבנון, עמק שרון.
א מיל־גרוים איז א זעלטענהייט
געווען ביי אונז אין יענע יאהרען.

נאר דאס איז דאך דער גאנצער וועלט
בעוואוסט. אז אין אויבם דעם ליעבען
איז וויפיעל קערענדליך פארהאן?
תרי״ג! — ווי איינס צו איינס געקליעבען.

„פערשטעהט איהר, שקצים, וואס עס קאן
א בורא־עולם?! — פלעגט רב חיים־
מלמד טענה׳ן — אק־קוראט
תרי״ג!... היינט געה זיי ניט מקיים!?

„געה, טהו וואס אויף אנטקעגען „א י ה ם״!?...
האָ, חכם־עתיק מיינער? קענסטו —
פרוב דרשות, פשט׳ליך מאכען; געהם
פערבויג, זיי מתיר זיך דאס קלענסטע,

„אז אט־א האסטו קורץ און קלאָהר
דעם בעסטען סימן פאר די אויגען!״...

עס זענען לאנגע יאהרען שוין
ווי בלייבע שאטענס דורכגעפלויגען,

און נאך ביז איצטער שטעהט פאר מיר
מיט אויגען ווייכע ווי א סאמעט,
ביי אלע זיינע ווילדע געננ,
דער ליעבער אלטיטשקער מלמד:

א צאהן אין מויל שוין ניט געהאט,
צוויי־דריי פעניאקלעך גאר אינגאנצען;
א מצוה דארף מען אבער טהון
בשמחת־לב — דאס הארץ זאל טאנצען...

„חמשה־עשר — זאגט איהר? — גוט;
צו וואס־זשע טויג זיך אבער נארען?
א פייג, א טייטעל... ניין, צו־זיס, —
א באקסער דוקא, און א דאַרען!...״

ער נעהמט די „פּרי״, זעצט זיך בּרייט,
גּעהויבּען ווי דער גּרעסטער פּריץ;
און בּייסט און טשמאַקעט... איהר פערשטעהט —
ער פיהלט דעם טעם פון „פּרי הארץ״!...

„תעניתים — פלעגט ער זאָגען — וו'הייסט
נ י ט ק ע נ ע ן פאַסטען? ליעבּע בּרידער,
עס קומט דאָך ממש צו פון זיי
א שטיק געזונד אין אַלע גליעדער!״...

כ'געדענק דאָס מענשעל: ווינטער־צייט
שוין הויט און בּיינער, אויף דער עלטער, —
א הייסער מרחץ — אַי, ס'דערקוויקט!
און טבילה — אדרבה וואָס קעלטער!...

אין פלאַוניע שניידען גרינס אויף סכך
(אליין, פערשטעהט זיך); פונ'ם וואַסער
בּלאָזט, פייפט דער ווינד... מען קומט אַהיים
א האַלבּ פערפראַראַנער, א נאַסער...

בּיי שמורה דרעשען — ס'יאָגט א שוויים,
א רגע זיך ניט אָבּצוקיהלען...
און זאָל דער רוקען טענה'ן זיינס!
און זאָל דער קרייז אויך טאַקע פיהלען...

יסורי אהבה — קאן דען זיין
א תענוג טיעפער, זיסער, גרעסער?...
און אט אזוי א לעבען לאנג:
דעם „חומר" אונטער זיעבען שלעסער

געהאלטען שטענדיג... רייך געוועזען
אזוי, אז, אויסער אלע זאכען,
אויף יעדען זאטען ביסען ברויט
געדארפט „שהחינו" מאכען...

און אלץ איז גוט און ליעב. דאס הארץ —
עס לעבט, עס וואקסט ווי ניי געבארען;
עס שעפט זיך אי ליכט, אי קראפט,
אליין א קוואל פון טרייסט געווארען...

איין רצון האט ער נאר געהאט
און פלעגט עס אפט אין חלום זעהען:
ווען ס'פלעגט איהם דער פראסט דורך־און־דורך
דערנעהמען און דער שנעע פערוועהען

די אלטע אויגען זיינע: „אַי,
א טולעפעל!... אַי־אַי, מחיה־
נפשות!... ווארעם, ווייך... ווער רעדט
פון וועלף, — א האז איז אויך א חיה"...

ער האט אין אלט בורניסעל זיינס
געשמאק געפּראָרען אַ יאָהר דרייסיג,
און נאך ביז איצטער שפּרינגט ארום
ז י י ן האז אין גרינעם וועלדעל פלייסיג..

דערלעבט ביז שמונים. קיינמאל ניט
געוואוסט פון אומעט, קנאה־שנאה,
און איינגעדרעמעלט שטיל און זים,
אט ווי א כרוב בצל השכינה...

כ׳דערמאהן זיך איצט אויף איהם און פיהל,
מיר דאכט זיך, יענעם ליעבען, זיסען
חמשה־עשר־אראמאט,
וואס פלעגט זיך אין דער לופטען גיסען

און ציהען כישופ׳דיג צו זיך
די יונגע הערצעליך, זיי געבען
געניסען חאטש איינמאל אין יאהר
אנ׳עבט „געשמאקען״, „זיסען״ לעבען...

*

* *

בית־מדרש־העלדען! וויים איך, וואו,
אין שטויב, אין שמאטעס — איידעל־שטיינער!
מיר האבען אלע אייך געקענט
און ניט פערשטאנען אייך ניט איינער...

וואס איז די מאכט וואס האט אזוי
בעלעבענד אייער גייסט געהויבען?
וואו נעהמט מען – ניט די קראפט, אך, ניין –
די טיעפע פרייד פון אייער גלויבען?...

פערשוואונדען אין דער אייביגקייט –
א זיסע רוה זאל זיין אייך דארטען...

. . . .

א גרוס דיר, אלטער דונקלער וואלד!
א גרוס דיר פרישער, גרינער גארטען!...

צוויי בילדער.

„— זאג מיר, זיידע, זאג, פאר וואס
פורים פרעהט מען זיך — א מורא,
יודען הוליען אהן א מאס,
ס'איז כמעט ווי שמחת־תורה.
איז דען חנוכּה ניט וויכטיגער?
יענער נס ניט העכער, ליכטיגער
און ניט גרעסער אהן א מאס?
דאך קיין סעודה דעמאלט גרייט מען ניט,
קיין מגילה הערען גערט מען ניט...
זאג מיר, זיידעניו, פאר וואס?"...

* *

*

— פון אווענד שלאפט די גאנצע גאס.
די נאכט איז קאלט, די ערד איז נאס
און פינסטער איז אין הימעל...
ווער גערט אהער?... ווער קלאפט אין טהיר? —
צוויי בילדער שטעהען אויף פאר מיר

אין שטילען, לייכטען דרימעל:
איין בילד... דאס אלטע גריכען־לאנד
האט איהם געשיקט ער זאל צו שאנד
דאס פאלק־ישראל שטויסען,
זיין גלויבען ווארפען טיעף אין מיסט,
זיין בית־המקדש מאכען וויסט,
צו שפאט זיין גאט דעם גרויסען...
ניט ציטער, קינד מיינס, און ניט וויין:
אכט ליכטלעך ברענען העל און ריין —
די חנוכה־מנורה...
ניט שרעק זיך מעהר פאר לייד און נויט,—
קינד! אנטיאכוס איז שוין טוידט,
דו האב פאר איהם קיין מורא...
דער צווייטער... פורים איז אצונד:
פערהיילט א גרויסע, טיעפע וואונד...
מ'לייענט די מגילה!
דער גראגער מיט'ן המן־קלאפ
ווי האגעל שיטען אויף זיין קאפ...
מ'לייענט די מגילה!...
א תליה פופציג איל די הויך...
פערשוואונדען איז ווי ווינד און רויך

דער שונא... זיסע, שטילע
געפיהלען ווארמען מרדכי'ס הארץ...
אוים אימת־מות, לייד און שמארץ...
מ'לייענט די מגילה!...
אוי, ניין, מיין קינד, ער לעבט, ער לעבט,
דער אלטער פיינד... ער פליהט, ער שוועבט
צושפרייט די שווארצע פליגעל
אויף אונזער טיש, צוגיסט דעם וויין,
פערלעשט די ליכט און וועהט מיט פיין
און אטהעמט אויף דיין וויעגעל...
צו טרעהרען בלינד, צו זיפצען טויב —
פערשטעלט ער פאר דיין איינציג שויב
די שיין, די לופט אפילו...
און חשך פאלט אויף בארג און טהאל...
און נאך אמאל, און נאך אמאל
פון אנהויב די מגילה!...

די מלכה.

„והימים האלה נזכרים
ונעשים בכל דור ודור".

פערוועהט מיט שניי, אין איז פערשמידט
א פריהלינגס־שטראהל, א זומער־ליעד...
איין צויבער־ווארט — און ס'ווערט צופאלען
די ווינטער־פעסטונג... ס'דרוישען קוואלען
און שפּראצען גראזען, ס'קלינגט און גליהט
דער פריהלינגס שטראהל, דאס זומער ליעד...
און ווידער בליהט די מילדע, שטילע
שושנת־יעקב, לייכט און שיינט
אין פרייד און גליק: ס'איז פּורים היינט,
מען לייענט ווידער די מגילה...

* *
*

ויהי... דאס אלטע צויבער־ווארט —
קוים שאלט עס אוים — און אויף דעם ארט,
וואו ביז בעגינען פלעגען שוועבען

נאר בלייכע קברים־שאטענס, דארט
שטראהלט־אויף און זידט מיט פרייד און לעבען,
ווי א בעשוימטער, פולער כוס
דאס פראכט־בעצירטעס קייזער שלאס...
די אלטע קרוינען גלענצען ווידער
און ווידער קלינגען מאלצייטס־ליעדער...
די פורים־קעניגין שטעהט אויף
פון קאלטען קבר... טרעהרען פליסען
פון איהרע אויגען און בעגיעסען
דעם קאלטען, ווייסען מארמאר־הויף,
די טרעפ פון פיינסטער פערעלמוטער...
זי פאלט דעם קעניג צו די פיס,
זי קלאגט, זי בעט — די טרייע מוטער
פון פאלק... און גרוים און וואונדער־זיס
איז איהר נצחון... אלע גליעדער
זאפט אן א טיעפע הימעלס־פרייד:
זי האט דערשטיקט דעם פיינד, דעם שטן,
איהר ארים פאלק בעשיצט מיט מאכט,
זי האט די בייזע שלאנג צוטראטען,
איהר גיפט און קראפט צו שטויב געמאכט...

. . . .

און בלייך און דונקעל ווערען ווידער
דאס צויבער־בילד, די חלום־שיין...
אין אלטען קבר דרימעלט־איין
די פורים־מלכה...

* *
*

ליעבע ברידער!
פלעכט־אויס, אלס ליבּ־ און אכטונגס־לויהן,
א לארבער־קראנץ, א רויזען־קרוין
אויף אסתר'ס ליכטיגען זכרון, —
און שיינען לאנגע, לאנגע יאהרען
זאל יענע מלכה ווערלכע לעבט
ביי אונז עד היום, שפינט און וועבט
אליין, פון איינען הארץ און זינען,
איהר פורפור־קלייד, איהר טרויער־קלייד,
וואס איז ניט־זעלטען אויסגענייט
מיט טרעהרען־פערעל, בלוט־רובינען...
די מלכה אונזערע, דער קוואל
פון אונזער האפנונג און נחמה...
דער אייביג־העלער פריהלינגס־שטראהל,
די אייביג־יונגע פאלקס־נשמה!

די אײביג יונגע... יא, עס ליגט
אויף איהר ביז איצט און קלעהמט און דריקט
א שאטען גאר, א שטויב א גרויער...
שטעה־אויף, מיין פאלק! בלאז אב, װעה אב
פון אונזער ליעבער מלכּה׳ס קאפּ
די אש פון איהר אלמנה־טרויער,
און זעה, װי גרינג זי װעט אליין
איהר העלדען־מאכט אויף אונז פערשפּרייטען,
אהן רחמים־בעטען, אהן געװיין,
אהן פרעמדע הילף און שוץ; אליין,
אליין צורייסען המן׳ס קייטען
און מאכען פריי פאר אונז און ריין
דעם װעג דעם ליכטיגען און ברייטען,
מיר זאלען געהן גרויס און קליין,
די פאהן פון פרייהייט אויפגעהויבען,
און שעפּען יוגענד, קראפט און גלויבען
אין זיך אליין, אין זיך אליין!...

„שלח-מנות".

(אַ פּורים־ליעדעל).

גוט יום־טוב, ידען! מזל־טוב!...
א שמחה, א נחמה:
מיר האבען היינט אין המן'ען
דערזעהען א נקמה!...

געקריצט פאר חרפּה מיט די צייהן
האט זרש די מרשעת —
א סוף געהאט א ביטערען,
געלאפּעט זיך פאר כעס!...

און אסתר — הא?... אין פּעריל, גאלד
אין פּאלאץ זיך געזעסען,
פלאדען, פיש מיט ראזינקעס,
מאהן מיט ניס געגעסען...

און מרדכי, מרדכי... גאטעניו!
א יענעראל געווארען,
אין אחשורוש'ס מונדיר
רייטענדיג געפאהרען!...

און אלע שׂונאים אונזערע
(אויף אייך געזאגט, טריפ'ניאקעס
און אפּיקורסים היינטיגע!)
אי, קלעפּ געחאפּט, אי, מכּות!

* *
*

נאר שטעהט, רבּותים, ווארט נאר אויס:
די מעשׂה איז געוועזען
דריטהאלבּען טויזענד יאהר צוריק...
איך האב פון דעם געלעזען

ניט וועניג, ברידער! און איהר ווייסט?
דאס אלץ איז אמת טאקע,
און המן האט אודאי דארט
געהאט א גרויסע מכּה.

מיט אלע זיינע בּנים'ליך —
צו דאנקען גאט דעם לעבּען...
עס זענען אבּער דארט פון איהם
פלעמעניקעס געבּליבּען,

און מחותּנים אלערליי,
און פּשוט גוטע-ברידער —
און אין א צייט ארום איז דארט
אוי, שלעכט געווארען ווידער!...

ניט. איין מאל האט מען יודען דארט
געבראכען יעדען אבר...
און מרדכי איז שוין ניט געווען,
און אסתר — אויך אין קבר!...

* *
*

נאר שא, גענוג! וואס טהו איך דאס?
גענוג חוץ דעם יסורים.
היינט איז א מצוה פרעהליך זיין —
היינט איז ביי אונז דאך פורים!

גענוג געקרעכצט, גענוג געוויינט
מיין אומעטיגע פיעדעל!...
איך נעהם די טאצען מיט׳ן פויק,
איך זינג א פורים־ליעדעל.

שושנת־יעקב! יודעליך!
טאנצט, זינגט און מאכט א כוסה
און תיכף טאקע נאך איינע,
און אדרבא — א גרויסע!...

די גראגערס רוישען ארום מיר,
די המן־קלאפערס ברומען...
שטעהט־אויף, נעהמט צו א ליעבען גאסט,
א אורח איז געקומען:

*　*
*

איך לויף, איך פליה פון שטוב צו שטוב,
איך יאג זיך ווי א יעגער —
איך בין דער יודישער קוריער,
דער שלח־מנות־טרעגער!

דער שלח־מנות־טרעגער געהט...
אי, מאנדליך! המן־טאשען!
אי, טייגליך, פלאדען, קיכעליך!
עס ציהט, עס ווילט זיך נאשען

דאס איז דאך אבער שוין פון לאנג
קיין חדוש ניט ביי יודען —
בכן איז האב איך עפעס נייעס,
וואס איהר וועט זיין צופרידען;

פון צוקער־לעקעך, נים און מאהן,
פאר אייך אויף שלח־מנות,
פיגורען אויסגעגאסענע
גאר קונציג, בנאמנות —

אי מענשליך, אי בנינים׳ליך —
אי דינינקע, אי גראבע,
גאר יעדעס ווי עס דארף צו זיין...
צום ביישפיעל אויף א פראבע:

* * *

אט איז פון לעקעך-טייג געמאכט
(א נייס פון אלע נייסען!)
א גביר, וואס פאר'ן ארימאן
איז „זיס“ און „לאזט זיך בייסען“...

ער מאכט זיך ניט ניטוויסענדיג
פון דעם עולם'ס צרות,
ער גארט ניט נאך א חניפה'לע,
דארף כבוד אויף כפרות...

אט איז א יודישע „מ א ד א ם“,
און קוקט, אריסטאקראטקעס;
זי קרימט זיך ניט דערהערענדיג
פון קוגעל, טשאלענט, לאטקעס!

אט איז א יודישע „מ א מ ז ע ל“,
וואס, אז מע רעדט אויף יודיש.
וועט זי ניט קוקען ווילד אויף איך,
ווי עפּים אויף א חידוש.

און קריכט אין קלוב ניט אויסגעפּוצט,
א נחת איז איהר באבע!—
צו הערען דארט א סקאצעל-קומט:
„זשידאווקא, ברוך הבא!“...

* *
*

אט זענען צוויי „דאקטוירימליך"
אין א יודיש שטעדטיל —
ניט זידלען זיך, ניט שלאגען זיך
ביי דעם קראנקענס בעטיל!...

אט איז א יודעל, וועלכער וועט
ביי'ם קבצן פאר א קאפקע
די הויט ניט שינדען, האטש ער האלט
דוקא די „קארא בקע"!...

פון צוקער־גלאז*) א וואכערניק"
פאר ארימע אלמנות
וואס אז עס טריפט א הייסע טרעהר
„צוגעהט" ער — פאר רחמנות!?!...

אט זענען צוויי „מחברים'ליך"
א אלטער און א יונגער. —
דער קונץ אין זיי איז, ווייסט איהר וואס? —
זיי שטארבען ניט פאר הונגער!!

*) לעדעניעץ.

* *

*

אט נאט איך א„מלמד'יל" —
איהר נעהמט אקאר'שט דאס שטיקל
פון האניג־לעקעך אויסגעטאקט,
א צאצקא, אנ'אנטיקל:

ניט קיין טשאחאטקע האט ער ניט
און איז ניט קיין הארבאטע,
זאאיקעט זיך ניט, איז ניט בלינד,
ניט קרום און ניט פאנפאטע!!...

א צעהנדליג המן־טעשליך — קוקט,
זיי בליהען ווי די רויזען, —
א מנין „תלמוד־תורה'ניקעס"
אין שטיוועל און אין הויזען!...

* *

*

און אט — ווער וויל? א זעלטעניש!
שרייט העבער, יודען, העבער!
א „תלמוד־תורה" מיט א דאך!
און מיט א דאך אהן לעבער!?!...

אט איז א פלאדענדיל — אַי, אַי!
דער בעסטער און דער שעהנסטער, —
א וואונדער־פּאלאַץ, א דווארעץ:
א „הקדש״, און מיט פענסטער!!!...

אט איז פון מאנדלען און פון ניס
א „שול״ געמאכט, — א חיות:
חאטש צאהל א רענדיל פאר א פּאטש
א יודען פאר עליות!?!...

אט איז א „באד״ א קונציגע,
א גרויסע און א ריינע:
אין מקוה אויף די טרעפּ ניטא
א זשאבע חאטש־בּי איינע!?!...

* *
*

אט איז א מענשעלע געמאכט.
וואס איז ער? איז די שאלה —
א גולם, גאר א פּשוט׳ער,
נאר ער האט א מעלה:

ער קריכט ניט ווערען וואו ניט איז
א היינטיגער „ראבּינער״,
וואס ווייסט אויף לשון־קדש נור
א „שקל״ און א „דינר״...

אט איז א „א נ ט י צ י ו נ י ס ט״, —
פון צוקער אויסגעגאסען, —
א „ק א ו ו נ ע ר״ דוקא און — איהר הערט? —
ער שרייבט ניט קיין דאנאסען!?!...

און נאך פיגורען האב איך — אלץ
ארויסגעהאפט פון לעבען,
אויסגעגאסען, אויסגעטאקט
גאר ניט נאריש, חלעבען;

זיי ערגעץ קויפען קען מען ניט,
חאטש פאהרט אויף צעהן ירידען;
זיי ברייננט דער יודישער פאעט
איך שלח־מנות אידען!...

געהט כ׳בעט איך, נעהמט, איך שענק זיי איך,
אט די פיגורען מיינע.
און ווייסט איהר, וואס איך וויל פאר זיי?
א נארישקייט, — דהיינו:

אז איך וועל איה״ש
אויף פורים קומען ווידער,
זאל איך זיי ל ע ב ע ד י ג ע שוין
ביי איך דערזעהען, ברידער!...

קיין אסתּר׳ס האָבּען מיר שוין ניט
אונ מרדכי׳ס היינט בּעגעהערען
נור צו בּעקומען א „מונדיר“
און „אחשתּרנים“ ווערען...

בּכן איז מוזען מיר אליין
זיך העלפען זיין צופריעדען...
א פּורים אייך א פרעהליכען!
א גוטען יום־טוב, יודען!...

שלח־מנות.

(א גראם־ליעדעל)

אי פארפעלעך, מאהנדעלעך, טייגעלעך, קישעלעך,
אי טארטען, מאראנצען, מיט ראזינקעס, פישעלעך
א בארג פון המן־טאשען —
עס ציהט, עס ווילט־זיך נאשען!

פון גרוינעווקע, שמוינעווקע, פון מרה־שחורה׳ווקע
פון שחינ׳עווקע, כנה׳ווקע און מכת־בכורה׳ווקע
פליהט אויפ׳ן אלטען שטייגער
דער שלח־מנות־טרעגער!

— אנו, באווייז אקארשט, מיין פריינד,
וואס טראגסטו שלח־מנות היינט?
„— אט איז א לאנגער צעטעל
פון יעדע שטאדט און שטעדטיל —

פון שמוינעווקע,

פון גרוינעווקע

פון בידניווקע,

פון זלידיניווקע

פון גשן, חוננתּנו׳ווקע,

פון אתּה־בחרתּנו׳ווקע . . .

נאר וועה! אין יעדער קהלה

די אלטע, אלטע מגילה:

אין תלמוד־תּורה׳לע

א מרה׳שחורה׳לע,

און פאר׳ן עולם׳ל

א ביקור־חולים׳ל

מיט ווענד און דעכעלעך

פון גאלע לעכעלעך . . .

און א קאראבקעלע —

זאל א חוואראבקעלע

אין בויך, אין אקסעלע

זיין דעם בעל־טאקסעלע

פאר הוילע ביינדעלעך

דעם קבצן׳ס צייהנדעלעך...
מע ווארט פון יק״א׳לע
א פעטען שטיקעלע...
דערווייל גען דלפן׳דעל,
און טראג צום חלפן׳דעל,
די באנק, דאס טישעלע,
דאס לעצטע קישעלע...
און „רב עקיבא׳לע״
זיצט שרייבט א בריוועלע,
א מין פאפירעלע
מיט א מסירה׳לע
אויפ׳ן מגן־דוד׳ל...
אי, אי, א סחורה׳לע,
א שעהנער כבוד׳ל
דעם כתר־תורה׳לע!...
אוי, ליעבע המן־טאשען!
עס ציהט, עס ווילט זיך נאשען!...
ניטא קיין העמד,
ניטא קיין ברויט!

עס דריקט און קלעמט
די שווערע נויט...
עס שווייגט דער האהן,
די נאכט איז שטום...
און שווארצער מאהן –
א בארג ארום!...
אוי, זיסע המן־טאשען!
עס ציהט, עס ווילט זיך נאשען!...

דער פורים־טאסט.

איהר הערט? פון יעדער זייט
קלינגט „ארור המן“ ווידער,
עס איז נאך אבער ווייט
צו אונזער „סעודה“, ברידער!
ניט אלץ נאך צוגעגרייט,
ניט אלץ נאך צוגעקליבען;
נאך פיעל ארום צושפרייט
אין שטויב אין שמוץ געבליבען.
פיעל ארבייט שטעהט נאך פאר,
צו פריה נאך זיך צו פרעהען...
און דאך זאל העל און קלאהר
פאר אונז די צוקונפט שטעהען,
און ליעב זאל זיין דער וועג:
דורך וועלדער, זומפען, שטראמען...
און היינט, און אלע טעג

זאל קלינגען „ארור המן!"
און אלע גוטע פריינד
אט פון דעם רוח דעם שווארצען,
וואס זויגען נאך ביז היינט
דעם בלוט פון אונזער הארצען
און פייניגען אונז פריי,
אהן שאנד און אהן רחמנות,
זאל שיקען אשמדי
פון גיהנום שלח־מנות:
פערפלאמט פון העליש גלאנץ,
און שוועבעל דורכגעזאדען –
מיט טשוועקעס א מאראנץ,
מיט קרעמעניעס א פלאדען!...

זים!

(א ליעדעל צום פורים-שפּיעל).

צוקאכט, פערמאטערט און צוהיצט...
דאס נעזעל גלענצט, דער שטערען שוויצט...
ער לויפט דער פּורים־יענער —
דער שלח־מנות טרענער!
ער האלט א טעלער'ל אין האנד.
איך שריי איהם: „שטעה!" — ווי צו דער וואנד.
ער לויפט, ער פליהט אלץ ווייטער —
חאטש יאג איהם־נאך א רייטער.
ניטא קיין צייט, ניטא קיין צייט,
דער טאג איז קורץ, דער וועג איז ווייט.
אוי, שלח־מנות טראגען —
א שפּיעלעכ'ל צו זאגען!
מען זעהט ניט ווי עס פליהט די צייט.
די שטאדט איז גרויס, דער וועג איז ווייט;
בּערעבּענט, אדרבּא:
צום קאזנאטשיי, צום גבּאי,

און צו׳ם בעל־טאקסע, און צום רב?
און וואס? איהר מיינט, ס׳איז שוין א סוף!
היינט וואו־זשע איז א דאקטאר?
„— צו שלח־מנות — זאגט ער —
לאזט מיך! אין מאנדלעך און אין טארט
בין איך א בקי פערוויי־סארט,
מזונות מאכען ברכה —
אנ׳אמת׳ער „מזרחי״!...
און דער אפטייקער טאקי אויך
האט ליעב א פלאדען דיק און הויך
און המן־טאשען עסט ער
דעם גאנצען תענית־אסתר...

* *

*

נאר, ליעבע לעזער, ליעבע פריינד!
איך מיין קיין שלעכסט, חלילה. .
רכילות ריידען האב איך פיינד;
נישט מעהר, איך וויל נאר זאגען היינט:
זאל לעבען די מגילה!
זאל פורים שיינען ווי דער מאי

אין פייכטען, גרינעם גארטען
און זאלען פרעהליך, פריש און פריי,
די בעלי־בית׳טעס פון דאס נייַ
אונז באקען זיסע טארטען
פון כל המיני סארטען,
מיט מאנדלען, ראזינקעס און ניס,
וואס טעם גן־עדן יעדער ביס, —
און לאמיר זיין צופריעדען,
וואס חאטש איין טאג אין יאהר איז זיס
כמעט ביי אלע יודען!...

לעגענדען

דער הויפּען ערד.

(אַ לעגענדע פון תלמוד וועגען אלכסנדר מוקדון).

פּראלאג.

אלטע בלעטער פון'ם תלמוד,
אלטע זאגען און לעגענדען!
אין מיין טרויעריגען לעבען
אפט מהו איך צו זיי מיך ווענדען.

ביי דער נאכט, ווען אין דער פינסטער
לויפט דער שלאף פון מיינע אויגען,
און איך זיץ אליין און עלענד
צו דער ברוסט דעם קאפ געבויגען,

אין די טרויעריגע שטונדען,
ווי א שטערען אין דער בלויער
זומער־נאכט, הויבט אן צו שיינען
דער זכרון אין מיין טרויער.

איך דערמאהן זיך אויף די ליעבע,
אויף די זיסע קינדהייטס־יאהרען,
ווען איך בין נאך פריי געוועזען
פון מיין קומער, לייד און צארן.

איך דערמאהן זיך אויף די צייטען,
ווען איך פלעג דעם ערשטען, זיסען
בעסטען כוס פון לעבען, פרייהייט,
פרייד און לוסטיגקייט געניסען.

איך דערמאהן זיך אויף די אלטע,
אויף די זיסע, ליעבע יאהרען;
און די בלעטער פונ׳ם תלמוד
שטעהען אויף אין מיין זכרון.

אח די אלטע, אלטע, בילדער!
וויפיעל ליכט און וויפיעל שטערן
ברענען, שיינען און זיי קאנען
אייביג ניט פערלאשען ווערען?

טויזענד שטראמען, טויזענד טייכען
האבען זיי געטהון פערפליסען;
זאמד האט זיך אויף זיי געשאטען,
שטורעמס האבען זיי געריסען,

און די אלטע, אלטע בלעטער
לעבען נאך... זיי זענען טאקע
געל, פער׳חשכ׳ט, אבגעריבען,
דארט א לאך און דא א מכה,

דא א שטיקעל אבגעסמאליעט,
דארט א שורה טויג אויף צרות,
און אינגאנצען האט א פנים
פון אנ׳אלטען בית־הקברות...

מילא — וואס? נו, איז דאס טאקע
א בית־עולם, וואו בעגראבען
ליעגט אין קבר אלץ, וואס אייביג
וועלען מיר שוין מעהר ניט האבען;

און איך אלטער, קראנקער יתום,
פול מיט לייד, מיט אימת־מות,
שטעה, מיין גרויען קאפ געבויגען —
שטעה און וויין אויף „קבר־אבות"...

פון לאנד צו לאנד, בעוואפענט, בייז און שטארק,
טהוט געהן דער גרויסער העלד און קעניג.
עס איז ניטא קיין רוה פאר איהם, — זיין קראפט,
זיין רייכטהום, הערשאפט — אלץ נאך ווענ׳ג.

אלץ ווייטער ציהט און רייסט זיך איהם דאס הארץ;
פאראוים, דורך ווילדע, גרויסע וועלדער,
דורך היילען, פעלזען, איבער אייז און שניי,
דורך בערג און טהאלען, שטעדט און פעלדער.

פיעל פעלקער זענען אונטערטהעניג איהם,
פיעל לענדער האט ער איינגענומען;
און – געהענדיג אלץ ווייטער אין דער וועלט,
איז אין א מדבר ער געקומען.

לאנג זענען דורך דעם הייסען, וויסטען פעלד
געגאנגען זיינע מחנות־ריעזען,
ביז פון דערווייטען האט זיך זיי צום סוף
א גרינעם וועלדעלע בעוויזען.

דאס חיל האט זיך אברוהען געלעגט.
דער קעניג – אום זיין דורסט צו שטילען –
איז צוגעגאנגען צו דעם שטראם, וואס איז
געפלאסען אין דעם וואלד, אין קיהלען.

און באלד נאר, אז דער קעניג האט פון שטראם
דעם ערשטען קאלטען טרונק גענאסען,
האט עפּעס זיך ביי איהם אין יעדען גליעד
א זיסע ווארימקייט צוגאסען;

א טיעפער חיות איז זיך אין זיין ברוסט
צוגאנגען. נייע, יונגע קרעפטען
און נייער פרישער מוטה האט איהם געטהון
זיין הארץ בעשפינען און בעהעפטען.

„וואס קען דאס זיין? — האט ער געטראכט — דער שטראם
מוז פון א גליקליך ארט טהון פליסען...
שטעהט אויף, איהר ליעבע העלדען מיינע! קומט
איך וויל, און מוז דאס גלייך דערוויסען.

„אהין, אהין! זאל זיין דארט ווער עס איז —
ער מוז מיר אונטערטהעניג ווערען,
פון מיר אליין ערווארטען גליק און פרייד
און מיך אלס העלד און קעניג עהרען.

„און אויב עס וועט דארט זיין ווער געגען מיר,
אָ, טויט וועט פון מיין שווערד ער פאלען...
שטעהט אויף, איהר ליעבע העלדען מיינע, קומט"!
עס קלאפט דער פויק, די שופרות שאלען,

די פאהנען טהוען פלאטערן; עס געהט
א קלינגעריי, א טומעל — הונדערט
חילות געהען נאך דעם גרויסען העלד...
דער מדבר ליעגט ארום פערוואונדערט:

וואס טהוט זיך דאס? ווער האט זיין רוה, זיין שלאף,
זיין טיעפען שלאף געשטערט?... די רייטער,
די פאהנען ציהען זיך פאראוים, פאראוים,
דער קעניג געהט אלץ ווייטער, ווייטער...

פיעל טעג איז ער געגאנגען אלץ פאראוים
פיעל אויסגעשטאנען שמערצען, ליידען;
און איז לסוף געקומען מיט'ן שטראם —
וואוהין? — צום טויער פון גן עדן!

בעפלאכטען מיט גרינע,
מיט בליהענדע בלעטער,
מיט פרישע, מיט שמעקענדע
בלומען בעקרענצט,

טהוט לייכטען און שיינען
דער הייליגער טויער;
מיט טויזענדער שטראהלען
גליהט ער און גלענצט.

עס שלאגען די קוואלען,
עס רוישען די שטראמען,
עס געהט ווי פון זילבערנע
גלעקער א קלאנג;

עס הערען זיך שטימען
פון טויזענדער פויגעל,
עס גיסט זיך א ליעבעס,
זיסעס געזאנג.

נאר דארט ביי דעם טויער,
זעהט שטעהן דער קעניג
א מלאך מיט פלאמענדען
שווערד אין די הענד:

ער שטעהט צו בעשיצען
דעם הייליגען טויער —
די הויכע, די שטארקע,
הייליגע וועגד.

„ווער ביזטו? — טהוט פרעגען
דער מלאך ביי'ם קעניג —
דו ביזט אלכסנדר?
שטעה־זשע! פאר „דיר”

וועט בלייבען אויף אייביג
פערמאכט צום גן־עדן
די ליכטיגע, ריינע,
הייליגע טהיר.

נור די, וועלכע לעבען
אין פריינדשאפט, אין פריעדען,
וואס טהוען און ברייגגען
גוטס אויף דער וועלט;

נאר זיי קענען קומען
אין הייליגען גארטען,
אין ליכטיגען, אייביגען
בורא'ס געצעלט.

און דו, וואס פערגאסען
האט טייכען פון טרעהרען
דיין אייזערנע, בייז,
בלוטיגע האנד —

דיך האט דער בעשעפער
בעגליקט אין דיין לעבען
מיט הערשאפט, מיט רייכטהום,
מוטה און פערשטאנד;

ביזט אבער פערגאנגען
אויף זינדיגע וועגען,
פערדרעהט זיך אין שרעקליכען
שטורם און ווינד;

דו פלעגסט ניט בעשוינען
קיין יוגענד, קיין עלטער...
צו גרוים זענען דיינע
שרעקליכע זינד!

אומזיסט איז געווען
דיין מיה, אלכסנדר
דו קאנסט אין גן־עדן
ניט קומען! פאר דיר

ועט בלייבען אויף אייביג
פערמאכט פון גן־עדן
די ליכטיגע, ריינע,
הייליגע טהיר..."

* *
*

„— אח, דו גרויסער ענגעל!
האט מיט הייסע טרעהרען
שטיל געזאגט דער קעניג —
שרעקליך איז דיין שטראף:

שטעהען נאהענט נעבען
טויער פון גן־עדן,
פיהלען שוין דעם זיסען
ריח... און לסוף...

גיעב־זשע, גיעב האטש עפּיס
מיר אַנ׳אוֹת־זכּרוֹן,
אז איך בין געוועזען
דא, ביי דיעזער טהיר;

מענשען זאלען זעהען,
מענשען זאלען גלויבען,
אז דאס האט געטראפּען
אויפ׳ן וואהר מיט מיר."

— „נא, — האט דא דער מלאך
איהם געזאגט — אט האסטו...
געה צוריק — און שטארקען
זאל דיר גאט דיין הארץ,

זאלסט פערברייננגען דיינע
איבעריגע יאהרען,
ניט צו וויסען אייביג
פון קיין נויטה און שמארץ..."

* *
*

דער קעניג איז געקומען אין א שטאדט
און האט געשיקט צונויפרופען די זקנים,
די פיינסטע און די קליגסטע פון דעם פאלק.
„איהר זעהט? — האט ער געזאגט — דעם שעהנעם

דעם ליעבען אות־זכרון, וואס פון דארט
איך האב געבראכט? ווי זאל איך מיך ניט שעמען!
א שטיקעל ביין! א שטיקעל פוילען ביין!
איך, אלכסנדר מוקדון; איך — פאר ווערען

עס האט א גאנצע וועלט געקניעט,
געציטערט נאר פאר מיר אליין, פאר איינעם..."
— „א, שטראף מיך ניט, מיין קעניג, פאר די רייד —
האט איהם געענטפערט איינער פון די זקנים:

„פערהאס ניט די מתנה, וואס דער גייסט
האט דיר געגעבען, אין דעם טויטען
און פוילען ביינדעל ליעגט א טיעפער זין,
וואס קאן דיר אפשר נוצען אין פיעל נויטען

„עס טרעפט ניט זעלטען, אז די קלענסטע זאך
ווערט זעהר וויכטיג אין דעם מענשענס לעבען.
ערלויב, איך וועל דיר דאס בעווייזען באלד,
בעפעהל דו נאר, מען זאל א וואג מיר געבען."

מען האט געבראכט. דער זקן האט געלעגט
דאס ביינדעל אויף איין וואג־שאל, אויף די צווייטע—
צוויי הויפענס גאלד. די וואג־שאל מיט'ן ביין
האט גלייך געטהון זיי איבערוועגעןביידע.

„וואס איז דאס? — פרעגט דער קעניג — שיט ארויף
נאך זילבער, גאלד!..." מען האט פון אלע זייטען
געשאטען, — עס האט אבער ניט געווירקט...
—„וואס קען דאס זיין? וואס זאל די זאך בעדייטען?"...

דער קעניג האט זיין שווערעס, גרויסעס שווערד,
זיין קרוין, זיין פאנצער — אלץ אראבגעריסען
און אויף די צווייטע שאל געווארפען — ניין!
דער ביין האט ניט געוואלט פון גאר ניט וויסען,

ער האט זיך ניט גערידהרט ניט אויף א האר
און אויף זיין וואג־שאל רוהיג זיך געלעגען.
דער קעניג האט געציטערט, ווי א בלאט:
— „א, זאג־זשע מיר! איך גיעב מיין גאנץ פערמעגען,

אלץ, וואס איך האב, — צו וויסען, וואס בעדייט
דאס שטיקעל ביין... עס ברענט מיר אין מיין מח!
מיט וואס קען אבגענומען זיין פון דעם
דער וואונדערבארער, צויבערליכער כח?

מיט וואס־זשע?..."
„מיט א קליינינקייט — האט אידם
געזאגט דער זקן. האט זיך אנגעבויגען
און אויף דאס שטיקעל ביין א הויפען ערד
ארויפגעשאטען פאר דעם קעניג'ס אויגען.

און וואונדערליך! — די וואג־שאל מיט'ן גאלד
האט טאקע באלד א פאל געטהון פון אויבען
און געגענפאלס די צווייטע מיט'ן ביין
האט ווי א פעדער שנעל זיך אויפגעהויבען!...

און דער גרויער זקן
האט געזאגט צום קעניג:
„אט דאס דארע ביינדעל,
וואס דו האסט געבראכט,

איז ניט מעהר — א שטיקעל
פון א מענשענ'ס שארבען;
זעהסט אין דעם א לעכיל?
קוק זיך איין, בעטראכט...

יא, מיין העררו א שטיקעל
פון א מענשענ'ס שארבען;
אין דעם קליינעם לעכיל
יאהרען פיעל צוריק

איז אנ'אויג געזעסען...
אוי, ווי נאריש, נאריש
איז דער מענש צוזאמען
מיט זיין גאנצען גליק!

קליין און שלאף איז אונזער
אויג: און וויפיעל אבער
אין דעם מענשענ׳ס לעבען
גלוסט עס און בעגעהערט,

רייסט זיך, ברענט מיט תאוה?
ווענינ! אייביג ווענינ!
עס פערחאפט אלץ ווייטער...
גיעב די גאנצע ערד,

הימעל, זון און שטערן
גיעב אוועק — אלץ ווענינ!
יאג זיך, מענשיל, ארבייט,
קלעטער, שפרינג און לויף

ווייטער, מענשיל, ווייטער!...
נו, און פארט ביז וואנען?
— ביז מען שיט דעם ערשטען
הויפען ערד ארויף...

אט, געגוג, ניט ווייטער;
ניט איין טריט, איין רגע!...
נאט אייך, גאר דעם גאנצען
חשבון אבגעמעקט...

אח, א ביסעל קאלטעס
קבר־ערד — און זעהט נור,
זעהט, אקארשט, איך בעט אייך,
הא? — ווי שווער דאס וועגט!...״

דעם שמש'ס טאכטער.

(א פאָלקס־לעגענדע).

1.

שטיל און פינסטער איז געוועזען
אין דעם אלטען איינגען שטיבעל,
וואו געלעגען און געשלאפען
איז דער אלטער גרויער שמש.

שטיל און רוהיג שלאפט דער שמש,
און אין שלאף דערהערט ער עפּעס
שווערע טריט ווי פון א קרומען,
וועלכער געהט ארום אויף קוליעס.

און דערשראקען און פערוואונדערט
חאפּט זיך אויף פון שלאף דער שמש;
ער צינדט אן דאס אלטע לעמפּיל —
און וואס זעהט ער? — גאט, דו ליעבער!

ער דערזעהט: פון וואנד צו וואנד
געהט ארום אליין זיין שטעקען...
אוי, דאס איז א שלעכטער סמן —
אז א גוסס איז אין שטעדטיל...

אין דעם אויגענבליק דערהערט ער
שרייט זיין טאכטער: גיכער, טאטע,
וועק דעם עולם! אונזער רבי,
אונזער רבי איז פארביי!"...

2.

נאך ביי נאכט פון שטוב צו שטוב
געהט און קלאפט דער אלטער שמש...
אבער וואס איז דאס מיט דבורה'ן
מיט דעם אלטען שמש'ס טאכטער?

דבורה זיצט ביי'ם טיש, און הייסע
טרעהרען קאפּען פון די אויגען;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפּטשעט:
„אח, דער רבי איז פארביי!...

הייל איהם, העלף איהם, גאט דו ליעבער!"...
היים און ערנסט ווי א טאכטער
האט פון קינדהייט ליעב דעם אלטען,
קראנקען רב די יונגע דבורה;

ווייל דער אלטער מורה־צדק
האט דאס קינד אויך ליעב געהאט
ווי אנ'אייגענע: פלעגט רופען
אלע שבת זי אינ'איינעם

מיט'ן שמש ברכה מאכען.
האט זי אויסגעלערנט דאווענען,
אויך געלערנט שרייבען, לעזען;
ליעבליך זאגענדיג דערביי:

„לערן, דבורקע, לערן, טאכטער,
און דו וועסט איה"ש
ווערען גרויס און קלוג ביי יודען,
גלייך מיט דבורה די נביאה"...

און זי זיצט ביי'ם טיש, און הייסע
טרעהרען טריפען פון די אויגען;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפטשעט:
„הייל איהם, העלף איהם, ליעבער גאט!"...

3.

אין בית־מדרש שטעהט דער עולם.
גרויס און קליין געקומען אלע
תהלים זאגען; וויינען, בעטען
צו דעם בורא... נאר עס העלפט נישט.

שוין פון וואקס א ליכט א גרויסע,
אקוראט די מאס פון קראנקען,
אויסגעגאסען. אין תכריכים
אנגעטהון און, ווי דער מנהג

איז בײַ ייִדען פֿון פּאַרצײַטען,
זי בעגראָבען אין אַ קבֿר
ווי אַ בר־מנן... עס העלפֿט ניט,
אַלץ געפּרובט און אַלץ אומזיסט...

אמת, אײנס נור איז געבליבען,
אײנס נור: יעדער פֿון דעם עולם
זאָל אַוועקשענקען אַ חלק
פֿון זײַן לעבען פֿאַר דעם חולה —

מענער, ווײַבער, קינדער, זקנים,
ווער אַ טאָג און ווער אַ חודש —
דאָס פֿערשרײַבט מען אויף אַ צעטעל
און פֿערשליסט אין אָרון־קודש...

4.

אַז צום אַלטען שמשׂ'ס שטיבעל
איז מען מיט דעם כּתבֿ געקומען,
האָט זײַן טאָכטער די גבאָים
אָבגעשטעלט, און שטיל און רוהיג

זיי געזאָגט: „פֿערשרײַבט, איך בעט אײַך".
וויפֿיעל, דבֿורה, שענקסטו? — „וויפֿיעל?
אַח, מײַן גאַנצעס, גאַנציעס לעבען!...
יאָ, פֿערשרײַבט — איך שענק אַוועק

איהם מיין גאנצעם לעבען!" — דבורה,
האבען זיי זי אנגעהויבען
אבצורײדען: נאריש קינד,
„ווי געשיקט זיך?"... אבער אלע

טענות האבען ניט געהאלפען.
ניט געהאלפען האבען דא
אויף דעם אלטען טאטענ'ס בעטען,
זיינע רייד און זיינע טרעהרען.

און פערשריבען האבען זיי
מיט איהר חתימה אין דעם צעטעל,
ווי זי האט פון זיי געפאדערט:
„דבורה שענקט איהר גאנצעם לעבען".

און בשעת דער שליח
האט דעם כתב אין שוהל געבראכט
און פערשלאסען איהם אין ארון,
אין דעם זעלבען אויגענבליק

איז דער חולה אויפגעשטאנען
ווידער פריש, געזונד און יונג;
און די אומגליקליכע דבורה
— דאס אונשולדיג ריינעם קינד —

איז דעם זעלבען טאג געקומען
אין איהר רוה... דער אלטער טאטע
האט זי ערנסט, היים בעוויינט
און געזאגט דעם ערשטען קדיש.

אויף איהר הערליכע לויה
איז געווען דער גאנצער עולם
און געווינשט פון פולען הארצען
איהר א ליכטיגען גן־עדן...

5.

שטיל און רוהיג געהט די צייט
אין דעם קליינעם, שטילען שטעדטיל;
מענשען לעבען, האבען קינדער,
קינדער — ווערען יונגע לייט,

וואקסען, ווערען אלט און שטארבען.
אויף דעם אלטען בית־הקברות
זענען דא פיעל נייע קברים...
וואס־זשע מאכט דער אלטער רב?

דאנקען גאט, ער לעבט אין פריעדען
לעהרנט תורה, פסקנ'ט שאלות,
און געדענקט דאס ליעבע קינד.
ער געדענקט די טויטע דבורה,

ער פערגעסט ניט יעדען יאהר־צייט
קויפען ליכט און זאגען קדיש,
און אזוי געהט שטיל און רוהיג
טאג נאך טאג און יאהר נאך יאהר.

6.

טאג נאך טאג און יאהר נאך יאהר
געהען פאר, ער ווערט ניט עלטער,
אבער טרויעריג ניט זעלטען
זעהט ער אויס; דערצעהלט ניט קיינעם

וואס ער פיהלט און וואס ער טראכט.
און עס ווייסט פון דעם נישט קיינער,
אז ביי נאכט בשעת ער
זיצט און לערנט, ווי געוועהנליך,

הערט זיך איהם א פרויען־שטימע.
זיסע ליעדער, ליעבע ליעדער
קלינגען, פליסען פון דערווייטען,
און פאר זיינע אלטע אויגען

שטעהט א בילד... אח, ער דערקענט,
ער דערקענט דאס זיסע פנים
פון זיין תלמידקע — פון דבורהן,
און ער בעט זי: „זיי מיר מוחל!

זיי מיר מוחל, ליעבע טאכטער,
וואס דורך מיר ביזטו געגאנגען
פון דער וועלט... ווען דו וואלסט לעבען,
וואלסטו איצט געווען א כלה"...

7.

טאג נאך טאג און יאהר נאך יאהר
געהען פאר, און איינמאל הערט ער
א געשריי פון א יולדת...
און ער וויינט, בעגיסט מיט טרעהרען

די גמרא... „-- זיי מיר מוחל! —
בעט דער זקן — ליעבע דבורה,
אז דו וואלסט געבליבען לעבען,
וואלסטו איצט געווען א מוטער"...

און אזוי אויך יעדע נאכט
הערט זיך איהם איהר יונגע שטימע —
זיסע, ליעבע וויעגע־ליעדער
זינגט ביי נאכט די טויטע מוטער...

8.

דרייצעהן יאהר געהט פאר... ער הערט
ווי איהר זוהן, שוין א בר־מצוה,
זאגט א גרויסע, שעהנע דרשה...
„- ער וואלט זיין א גרויסער למדן,

— טראכט דער רב — און וויפיעל פרייד
וואלט געהאט פון איהם די מאמע!".
ווייטער הערט ער — כלי־זמר שפיעלען:
פיעדלען, טאצען און קלארנעטען

קלינגען, זינגען פון דערווייטען...
„זי מאכט חתונה א טאכטער —
טראכט דער אלטער — צו דער חופה
פיהרט זי איצט די טויטע מאמע"...

9.

און פון דעמאלט אן טאג־טעגליך
הערט און פיהלט און זעהט דער זקן
יעדען צושטאנד פון איהר לעבען.
און ער וויינט מיט הייסע טרעהרען

און ער בעט דעם בורא־עולם:
„— גיב מיר, גאט, איך זאל דערהערען
איהר געוויין, איהר ביטער זיפצען,
איהרע טרעהרען זאל איך זעהען —

האטש די איינציגע נחמה
זאל איך האבען, אז אין לעבען
וואלט זי אויך געליטען צרות,
וואלט זי אומגליק אויך געפיהלט

און עס וואלט ביי איהר געוועזען
חאטש איין־איינציגע מינוט,
ווען זי וואלט די וועלט פערשאלטען
און געוואונשען זיך דעם טויט!״...

10.

נור אומזיסט איז זיין בקשה:
זיסע לידער, ליעבע לידער,
הערט ער זינגען אין דער פינסטער,
גליקליך וואלט געווען איהר לעבען –

יענעם שטילעם פרויען־לעבען,
וועלכעם גלענצט ניט ווי די זון,
נאר עס שיינט אהן ווינד און וואלקען
ווי דער העלער מארגען־שטערען...

און עס גיסען זיך און גיסען
זיינע טרעהרען טעג און יאהרען.
„– ליעבער גאט! – איז ער מתפלל –
טהו מיט מיר דיין גרוים גענאד,

אח, בעפריי, בעפריי מיין אלטע,
מיין פעריאמערטע נשמה;
שטארבען, שטארבען העלף מיר גיכער,
ליעבער פאטער, גרויסער גאט!״...

11.

טאג נאך טאג און יאהר נאך יאהר
געהען פאר. דאס קליינע שטעדטיל
איז שוין לאנג א שטאדט געווארען,
א בעקאנטע, רייכע שטאדט.

הונדערט מענשען, צעהנדליג זקנים,
וועלכע ער געדענקט אלס קינדער,
ליעגן שוין אויף דעם בית־עלמין;
ער נור איינער לעבט און לעבט.

נייע צייטען, נייע מענשען,
נייעס לעבען און מנהגים;
פרעמד און איבריג, ווילד און עלענד
איז דער זקן צווישען זיי.

דונקעל זענען זיינע אויגען,
אויסגעדארט דער גאנצער קערפער,
און ער קלאגט צום בורא־עולם,
וויינט און בעט אויף זיך דעם טויט...

12.

איין געדאנק און איין געפיהל
איז דעם זקן נור געבליעבען:
שטארבען! שטארבען!... און צולעצט
האט זיך גאט אויף איהם דערבארימט.

פינסטער איז געוועזן די נאכט,
שרעקליך האט געראַשט דער שטורם;
ווי א קינד, געקלאגט, געיאמערט
האט די קאלטע, שווארצע נאכט.

אבגעוועהנט שוין לאנג פון אלע
לעבענס־פריידען, לעבענס־שמערצען —
זיצט דער זקן אין בית־מדרש...
מיט אמאל דערהערט זיך איהם —

א געוויין, א קלאג פון קינדער...
פושקעס קלאפּען אין די גאסען
און מען זינגט „אל מלא רחמים"...
„דאס וואלט זי געשטארבען איצט!"

האט מיט פרייד געזאגט דער זקן —

— „אוים, א סוף צו מיינע שמערצען!...

נעהם מיך מיט, מיין ליעבע דבורה,

אויף די ריינע וואהרע וועלט"...

*   *

*

שטיל און רוהיג האט בעפרייט זיך

פון דעם קערפער זיין נשמה...

און אויף מארגען האט דער עולם

היים און ערנסט איהם בעוויינט

חתן־תורה.

(„שאלי שרופה...‟)

I.

מ׳האט א נייע ספר־תורה
איינגעגעבען. אינ׳ם אלטען
ארון שטעהט זי ווי א כלה;
ווי א שעהנע, ליעבע כלה
צו דער חופּה אנגעטהאן.

די געטאקטע עץ־החיים׳ס
זענען פריש און ריין. מיט גאלד
און מיט זילבער אויסגענייהטע
אויפ׳ן דונקעל־גרינעם סאמעט
שטעהען דארט צוויי שטארקע לייבען.
מיט א הויכע, שטאלצע פאהן

שטעהען זיי ווי צוויי גבורים
צו בעשיצען די צוויי לוחות —
אונזער אלטען אדעל־צייכען,
אונזער גערב און אונזער שילד.

פריש און בליהענד ווי א כלה
אין איהר ליעבען חופּה־אווענד,
קוקט זיך דא ארום די נייע
ספר־תּורה, און איהר דאכט־זיך
עפּעס וואונדערליך און ווילד —

וואס די גרויסע, אלטע „ספרים"
אין צובויגענע, צוקריצטע,
שווערע קרוינען — אבער טאקע
אמת־קעניגליכע קרוינען —
שטעהען אומעטיג און שטום.

פינסטער, שטום איז אינ'ם ארון,
זעלטען הערט־זיך נאר א שטילער
זיפץ; א ביטערער און טיעפער
קרעכץ פון גרויסען, שווערען וועהטאג,
און עס גיסט־זיך־אויס ארום

גרעסער נאך דער שווארצער אומעט...
„וואס בעטייט עס? — טראכט דאס נייע
יונגע ספר'ל — כ'פערשטעה ניט
כ'לעבען, היינט איז דאך ביי יודען
יום־טוב, — פרעהליך דארף מען זיין!

„שטעהט דען ניט אין אונז געשריבען:
ושמחת בחגך?
פרעה זיך, יודישע נשמה,
פרעה־זיך, שעפ מיט פולען הארצען
פרייד און פרייהייט, לופט און שיין!"...

זי פערשטעהט ניט, וואס בעטייט עס
און זי קאן דאס ניט פערשטעהען:
אך, דאס ערשטע מאל אין לעבען
האט מען זי דאך אויסגענומען —
ווי א ליעבע, שעהנע כלה
פאר דעם „חתן־תורה" היינט!

און ווי פרעהליך און ווי גליקליך
איז געווען איהר אויף דער בימה!
יעדער אות האט ווי א דימענט
אויף דעם פארמעט אויסגעזעהען,
יעדעס ווארט האט ווי געפונקעלט,
יעדע שורה האט געשיינט.

און נאך איצט — זי לעבט, זי קוויקט זיך;
ס'ווילט זיך פשוט שירה זינגען...
ווי צוויי שעהנע בלומען־שטאקען

גלאנצען איהרע עץ־החיים'ס
און די שכינה רוהט אויף זיי...

וואס־זשע זענען אט די אלטע
ספר־תורה'ס אינ'ם ארון
אזוי אומעטיג? א טיעפע
מרה־שחורה ליעגט אויף זיי...

II.

און די אלטע ספר־תורה'ס
אין די דונקעלע און שווערע
קרוינען — קעניגליכע קרוינען —
הויבען־אן דערצעהלען... ביטער
ווי א קוואל פון סם־המות
גיסט זיך זייער שטימע דארט:

„— שוועסטער ליעבע! ווייט פון דאנען,
ווייט פון אונזער אלטען ארון,
איינגעוויקעלט אין תכריכים,
אין א טיעפען, קאלטען קבר
אויפ'ן וויסטען הייליג־ארט

„ליגען אונזערע פערברענטע
און צוריסענע אויף שטיקער
ליעבע חבר'טעס און שוועסטער...
אויך א מאל ווי דו געוועזען
זענען זיי אי פריש, אי ריין;

„אויך געשיינט און אויך געפונקעלט
מיט די הויכע, שעהנע קרוינען,
מיט די עץ־החיים'ס; אבער
אויסגעגאסען האט זיך זייער
ליעבע שירה, זיסע שירה
אין א ביטערען געוויין...

„אויפ'ן וויסטען בית־הקברות,
אין אנ'איינגען, קאלטען קבר
ליעגט אנ'אלטער גרויער שמש;
זיס און רוהיג שלאפט ער דארטען
אינ'ם קאלטען, איינגען קבר.
ווי א גרויסער, שטארקער העלד

„אויפ'ן שלאכט־פעלד... נאר עס שלאפט ניט
די נשמה זיינע... זעהסטו
דארט א פייעריל א בלייכעס —

ווי עס וויעגט זיך, ווי עס ציטערט
אויף דעם וויסטען, טויטען פעלד?
.דאס שטעהט־אויף דער אלטער שמש
.פון זיין איינגען, קאלטען קבר.

ער שטעהט־אויף, צינדט ווידער־אן
דעם פערלאשענעם נר־תמיד
און ער נעהמט ארום די שטיקער
פארמעט, ער צעוויקעלט זיי

.און ער לייענט... ווי רובינען
צווישען שנורען שווארצע פערל,
גלאנצען טראפענס־בלוט און גליהען,
ברענען־דורך די שווארצע שורות...
אין תכריכים, וויס ווי שניי

.שטעהט ארום אנ׳עולם—זקנים,
ווייבער, קינדער... זעהסט? — דאס זענען
אלץ הרוגים. און זיי שטעהען
און זיי הערען ווארט נאך ווארט
ווי דער טויטער חתן־תורה
לייענט... שטיל, נאר זיס און ריין

„הילכט א פסוק נאך א פסוק...
אויף די קברים און מצבות
ציהט זיך איבער און בלייבט הענגען
א געדיכטער, גרויער וואלקען,
ווי א הייליגער פרוכת,
פונ׳ם הימעל... און די מתים,
אלטע, יונגע, גרוים און קליין

„הויבען־אן צו זאגען קדיש...
פרעגסט: „נאך וועמען״? ווער קאן וויסען,
שוועסטער ליעבע? אפשר טאקע
נאך די לעבעדיגע... מתים
זאגען קדיש, און עס צאנקען
נר־נשמה׳ס אין די בלייכע,
אין די אויסגעדארטע הענד..

„נר־נשמה׳ס לייכטען, צאנקען
געהען אוים ווי ביי א גוסס
די פערבלענדטע לעצטע בליקען
דורכ׳ן גרויען וואלקען ציטערט
נאר דאס פייעריל דאס בלייכע;
ווי א יאהר־צייט ליכט ביי׳ם עמוד,
ציטערט, וויעגט־זיך, ברענט און ברענט...

„און פון אויבען, דורך די בוימער,
וואס בעשיטען מיט די געלע,
פוילע בלעטער די מצבות
אין דער קאלטער אסיען־נאכט,

וועהט א ווינטעלע א שטילעם
ווי פון ווייבע, מילדע פליעגעל:
און דאס ווינטעלע דאס שטילע
וויינט און זינגט: „אל מלא רחמים"
אין דער קאלטער אסיען־נאכט"...

III.

אינ'ם אלטען, איינגען ארון
שטעהט די נייע ספר־תורה,
ווי א קינד זיך צוגעטוּלעט
צו די גרויסע, אלטע ספרים
און פערוואונדערט און דערשראקען
ווי א טייבעלע, וואס הערט

א גערויש פון שטארקע פליעגעל
אויף איהר נעסטעלע, און פיהלט שוין,
אז דאס אומגליק איז געקומען,
אז דער טויט איז איהר בעשערט...

אינ׳ם אלטען, איינגען ארון,
אנגעטהון אין זייער ציערונג.
שטעהען גרייט די אלטע ספרים,
גרייט צו אלץ... און טיעף פערטראכט

הערען זיי זיך־צו ווי ביטער
וויינט און קלאגט, און אהן אנ׳אויפער
זינגט דער ווינד: „אל מלא רחמים״
אין דער קאלטער אסיעו־נאכט...

דער גאלדענער שליסעל.

(תלמודישע לעגענדע).

I.

האסטיג, שרעקליך רוישט דער שטורם,
בויגט און ברעכט די אלטע בוימער...
וויפיעל צווייגען שוין צובראכען!
וויפיעל בלעטער אבגעריסען!...

אין דעם רוישען, אין דעם ברומען
זיפצען, וויינען טויזענד קולות...
אך, מיין פאלק, מיין פאלק, ווי שרעקליך
איינג און פינסטער איז דיין וועג!

האסטיג, שרעקליך רוישט דער שטורם,
און וואס ווייטער — העכער, שטארקער
הערט זיך מיר א קלאנג פון קייטען...
וואס בעטייט דער ווילדער קלאנג?

טויזענד קולות הער איך ווײנען
אין דעם רוישען, אין דעם ברומען
און אנ׳אלטעם, זיסעם ליעדעל
זינגט דער שטורימדיגער ווינד:

II.

„— אין די אלטע, אלטע צייטען
איז געוועז אנ׳אלטער קעניג;
גרויסע אוצרות, פיעל עשירות
האט געהאט דער אלטער קעניג.

„גאנצע בערג פון גאלד און זילבער,
הויפען דימאנטען און פערל
זענען שוין פון לאנג. געלעגען
אין זיין גרויסען, שטארקען פאלאץ.

„מיט א שטארקען שלאס פערשלאסען
איז געוועז די טהיר פון פאלאץ;
מיט א שליסעלע א קליינעם
פלעגט זיך עפענען דער שלאס.

„פון דעם בעסטען, ריינסטען גאלד
איז געווען געמאכט דאס קליינע,
שליסעלע, און זעהר לייכט
איז געווען עס צו פערלירען;

„און כדי צו זיכער זיין
פאר די אוצרות — האט דער קעניג
צוגעפאסט דעם קליינעם שליסעל
צו א גרויסער, שווערער קייט...״

אח, טא זאל־זשע רוישען, ברומען
ארום דיר דער ווינד, דער שטורם, —
לעב, מיין פאלק! דו ביסט דער שליסעל
צו דער אלטער קעניגס־טהיר:

צו דער טהיר, פון יענע גרויסע,
גרויסע אוצרות, וועלכע זענען
בעסער, טייערער פון זילבער,
פון בריליאנטען און פון פערל —

צו דער טהיר, פון יענע גרויסע
ליעבע אוצרות, וועלכע הייסען:
„תורה, צדקה און אמונה...״
נאר כדי דו זאלסט, מיין פאלק,

אײבּיג ניט פערלאָרען װערען
אויף דער װעלט – האָט דיך דער בּוֹרא
צוגעבּונדען, צוגעקאָװעט
צו א גרויסע, שװערע קײט...

צו א שװערע קײט פון צרוֹת
האָט דיך צוגעפּאַסט דער בּוֹרא:
„– גײ, מײן פאָלק" – האָט ער געזאָגט,
„לאָז דער שטורם רוישען, בּרומען,

דו װעסט לעבּען דו מוּזט לעבּען!..."
נוּ, טאָ געה־זשע, געה, ישׂראליק,
בּויג דעם אַלטען, קרומען רוקען,
שלעפּ די גרויסע, שװערע קײט!...

דער פרומער שד.

(א באָבע מעשה פאַר יודישע קינדער).

I.

ניט פון שטורם חוואליעס רוישען,
נים פון הונגער לייבען ברומען;
צו דעם גרויסען שד פון גיהנום
איז א ראפּארט אנגעקומען,

און דאס וואיעט ער, דאס קריצט ער
מיט די שרעקליך־שארפע צייהנער!...
אינ'ם ראפּארט שטעהט בעשריעבען,
ווי א שד, און דוקא איינער

פון די בעסטע, טריי און ערענסט
אבגעדיענט שוין כמה יאהרען,
איז א מורד בפרהסיה
גאר א פארמענער געווארען:

ניט געגוג, וואס קיין נשמות
פרומע, כשר'ע און קלארע
פאנגט ער ניט אזוי ווי פריהער
מיט'ן נעץ פון יצר־הרע,

העלפֿט ער נאָך, ווי אויף צו להכעיס,
די פֿערבלאנדזעטע צו ווערען
ווידער פֿרום און אויפֿ'ן רעכטען,
גלייכען וועג זיך אומצוקעהרען.

„— אָ, דו, גרויסער הערר" פֿון אלע
גיהנום־קעסלען, ריטער, צוואנגען!
שיק ארוים פֿון העליש פֿייער
אלע עקדישען און שלאנגען,

„זשאבעס, שפּינען, סאלאמאנדרעס —
מיט א רויטען פֿלאמען־וויחער,
מיט א גרינעם שוועבעל־האגעל
ברייגגען איהם צו דיר וואס גיכער!"...

. . . .
. . . .

— ש־שא! מ'פֿיהרט איהם!...
פֿאר'ן קאלנער
האלט איהם שטייף א פּיפּערנאטער;
ביי די זייטען טאנצט א פּאר'ל
פּונ'ם מין האלב־ציעג, האלב־קאטער...

הערנער שטויסען זיך אן הערנער...
צייהנער קריצען... סם־המות
שפריצט אויף איהם פון אלע זייטען...
און באמת — א קאטאוועס?!...

„— לייען ז׳‟ — זאגט דער שר, און זיינע
גרינע אויגען ברענען, גלאנצען...
וואס־זשע ענטפערט יענער? „— כ׳דארף ניט
כ׳וויים עם אויסווייניג אינגאנצען...

„חוץ דעם — זאגט ער — איז אין ראפארט
נאר בקיצור אלץ בעשריעבען,
טא ערלויב מיר פאר׳ן עולם,
פאר׳ן פריינדליכען און ליעבען.

„אין רעעלע, קלארע בילדער,
ס׳זאל אין זיי קיין שטריך ניט פעהלען,
אז צוויי־דריי פון מיינע מעשים
פריי און רוהיג פארצושטעלען‟...

II.

ס׳איז געווען א בלאהער,
זיסער זומער־אווענד;
אין א שטיל, גרין וועלדיל,
פון א וואוינונג ווייט

האבען זיך בעגעגענט
„ער״ מיט „איהר״ — א פאר׳ל
בלוט מיט מילך, צוויי בלומען
פון דער יוגענד־צייט,

פון דער צייט, ווען צווישען
צוויי פאר הייסע ליפען
ווערען ערד און הימעל
אין איין אויגענבליק,

ווי א גרינג און שניי־ווייס
וואלקענדיל, פערשוואונדען
און ניט זעלטען קומען
זיי צו־שפעט צוריק...

און אנ׳אלטער סאסנע
אנגעשפארט, בין רוהיג
איך געשטאנען... כ׳דארף איך
נאך בעמערקען דא:

ער, דער בחור מיינער,
איז א יוד געוועזען׳
זי — א שיקסע. דוכט זיך,
גאר ניט שלעכט, איא?

פאר א שד, אנ׳עכטען,
טרייען גיהנום־דיענער,
איז דאך דאס א סחורה!
שטעה און קוק, און שוייג...

ניין, רבותים! כ׳האב דאס
ניט דערלאזט — האב האסטיג
אנגעכאפט א דארע
און א דיקע צווייג —

קר־ר־ראך!!... דאס ליעבע פאר׳ל
איז דא אויף א רגע
ווי פר׳שטיינערט געווארען,
ווי פערגליווערט... באלד

אבער אויפגעשפרונגען
און געלאזט זיך לויפען,
ווי צוויי האזען נעביך
פונ׳ם גרינעם וואלד!...

כ'האב זיך פאר די זייטען
אנגעכאפט... איך זאג אייך,
פון געלעכטער פשוט
שיעור זיך ניט דערשטיקט

און מיט פרייד און ליעבע
„— לעבען זאל די אונשולד!"
האב איך פון דער־ווייטען
זיי מיין וואונש געשיקט...

III.

ס'האט שרעקליך געוואיעט
דער שניי־שטורם; פינסטער
און קאלט איז געוועזען די נאכט,
איך בין דורך א געסיל
אנ'איינגע און קרומע
געגאנגען פאמעליך, פערטראכט.

און פלוצים דערהערט זיך
א קרעכץ מיר א טיעפער,
א שווערער... איך קוק זיך ארום:
עס ליעגט ביי א פארקאן

אין שניי, האלב פערגראבען
א מענשיל... דאס געסיל איז שטום

און פוסט... ערגעץ דארטען,
אין קלוב נאר, איז ליכטיג:
א טאנץ־אבענד געהט דארטען היינט,
די יונגערע טאנצען,
די עלטערע שפּיעלען
אין קארטען. דער זאל גלאנצט און שיינט...

און דא צאנקט און ציטערט,
געהט־אוים א נשמה...
כ'האב נאהענט בעטראכט דעם פארשוין:
אנ'אלטער, א גראהער
א גוף הויט און ביינער,
אין קבר צו לייגען איהם שוין:

ווי כ'שטעה און בעטראכט איהם
מיט גרוים פערגעניגען,
דערזעה איך — עס הויבט זיך שוין אן
די גסיסה... „ניין! — טראכט איך —
דאס טויג ניט", — און האסטיג
א קלאפּ אין א פענסטער געטאהן!...

עס זענען באַלד מענשען
געקומען צולויפען
און, איבעריג דאָ ניט געטראַכט
צום וואָרימען אייוועז
אין „לינת־הצדק״
דעם האַלב־טויטען נפש געבראַכט...

IV.

אַ דעפּוטאַט האָט שמוינעווקע
געקליבען... ליעבער גאָט!
אַ וואָכען דריי האָט טאָג און נאַכט
געטאַראַראַמט די שטאָדט.

שוואַרץ־מאָה׳ניקעס, אַנגעגורט
די לענדען, האָבען פריי
געטהיילט די ספּיסקעס זייערע
מיט הייסע קלעפּ דערביי...

געשטאַנען פּעסט איז זייערער
אַ יאַלד, געזונד און הויך:
און שיכּור זיעבען מאָל אַ וואָך
חוץ חגא... ס׳האָבען אויך:

דארט אקטיאבריסטלעך עטליכע
געארבייט פאר זיך... ניין! —
האב איך מיר דא א טראכט געטאהן —
פון שמינעוקע מוז געהן

א יוד!... כ'האב אינ'ם אקטיאבריסט
צערייצט דעם בייזען האהן
און דעם שווארץ־מאה'ניק צו איהם
מיט פעטש א לאז געטהאן...

צוויי פאטריאטען האבען זיך
קוים אנגעהאמפערט זאט,
דערווייל איז דארט דאס יודעלע
געווארען דעפוטאט!...

V.

איצט ערלויבט בקיצור
אייך ערקלעהרען, ליעבע
פריינד, דאס עבטע, טיעפע
ציעל פון אלע דריי

ווילדע מעשׂים. ערשטענס,
נעהמט דעם בחור מיינעם:
ווען איך וואלט געלאזט איהם
מיט דער שיקסע פריי...

וואלט געווען, וואס מיינט איהר?
וואלט ער — די עבֿרה
אבצעוואשען — טאקע
אפשר זיך גע׳שמד׳ט

און מיט מזל־ברכה
מיט זיין היים־געליעבטער
פראסינקע, זאל לעבען
חתונה געהאט.

וואלט מיט איין משומד
מעהר ביי אונז געווארען.
א מציאה, כ׳לעבען!
ס׳אר א גרויסען ווערטה

האט איצט א משומד!...
ניין, אנ׳אנדער לעבען
מיט אנ׳אנדער גורל
האב איך איהם בעשערט:

זאל א יוד ער בלייבען
און א יודיש מיידעל
נעהמען, קינדער־יודען
האבען — און דערביי

זאל קיין פונק אפילו
פונ׳ם עכטען, ריינעם
יודישקייט האטש זעלטען
ניט א בלישטש טהון פריי!...

יאלקעס וועלען שיינען,
מאסליעניע וועט בלינעס
באקען צו דער סעודה...
און מען וועט דארט אלץ

טהון, אבי בעהאלטען
דעם פערהאסטען נאמען
„יוד", וואס וועט זיי שטעהען
ווי א ביין אין האלז.

פאר א גוי זיך שטעלען
אויף די הינטער־פיסלעך,
ציטערען פאר יעדען
שאטען ווי א האז

און דאס גאנצע לעבען
טרינקען גאל און וועהטאג
פונ׳ם קרומען רוקען
און הארבאטע נאז!...

VI.

דער אלטער וואלט, אמת,
פערפרוירען געווארען:
געראטעוועט האב איך
איהם דאסמאל פון טויט,

כדי ער זאל מארגען
דערפיהלען נאך טיעפער
זיין שרעקליכע דאליע,
זיין ביטערע נויט:

מען האט איהם דערווארימט
און פראשקעס געגעבען —
א סגולה נפלאה
צו שלאף, אפעטיט, —

די בלאטערען אלע
פערהיילט כדבעי
(מ'זשאלעוועט דארטען
קיין גענזען־שמאלץ ניט) —

און תיכף, פער'שטעהט איהר,
פון „לינת־הצדק"
מחילה געבעטען, —
געה, אלטיטשקער, געה,

הער ווידער ווי פרעהליך
עס וואיען די ווינדטען,
פערזוך ווי עס ווארימט
די גליעדער דער שניי,

ווער צעהנדליגער מאל נאך
פערפרווירען, שלים־מזל,
דער'שלאגען פון עלענד,
פון הונגער פערשמאכט...

און צעהנדליגער מאל נאך
וועט הערען דיין וידוי
און זעהען דיין גסיסה
די פינסטערע נאכט!...

VII.

מיט'ן דעפּוטאַטעל
איז אַזוי די מעשׂה:
יודען דאַרפֿען כּבוד:
וואַהל־רעכט האָט מען דאָך

זיי געגעבען, ליעגען
וועט אויף זייער נאַקען
ווי ביז איצט דער אַלטער,
שווערער שקלאַפֿען־יאָך

און דעם קאָפּ זיי בויגען
טויזענד מאָל נאָך שווערער,
ערגער ווי פאַר־צייטען
צו דער שוואַרצער ערד.

וועגען „פֿרייהייט", „פּראַוועס"
מיט די אַלע זיעבען
זאָכען בין איך רוהיג...
האָב איך מיך בעקלערט

גוֹיים־יודענפֿרעסער
זענען קיין עין־הרע
דאָ גענוג; זאָל זיצען
דאָרט אַ יודעל אויך...

זאל ער דארט בע'קען,
זאל ער דארט מע'קען
און א ווארט ניט סמייען
זאגען פריי און הויך...

ווען עס זיין א כבוד
פאר'ן פאלק ישראל,
און זאל פרייד און גדולה
קלייבען גאט אליין!״...

. . . .
. . . .

VIII.

ניט קיין חוואליעס רוישען, ברומען, —
ס'דייסט זיך ווילד ביי קליין און גרויס
פון מיליאנען שדים-גארגלען
א געלעכטער-קוואל ארויס...

און עס דונערט דורכ'ן גיהנום
פונ'ם טייוועל'שען באנקעט:
„— לעבען זאל די קלוגע קליפה!
לעבען זאל דער פרומער שדו!״...

בילדער פון פארציייטען

בילדער פון פארצייטען.

I.

מחוץ למחנה.

אויסגעצירט זיך פּראכטיג
אין די בּגדי־שרת,
בּרייט צוקעמט די לאנגע,
שעהנע, גרויע בּארד,
געהט דער כּהן־גדול
צום מזבּח. כּהנים
און לויים שטעהען
יעדער אויף זיין ארט.

אין די העגד־געגילדטע
ווייראַך־לעמפּלעך, בּעקענס,
האנדפאסען; די קליידער
ווייס און ריין ווי שניי.
שיר־המעלות זינגען

זיסע, ריינע שטימען;
פידלען, הארפען, טאצען
העלפען־אונטער זיי

מיט די פעטסטע רינדער,
מיט'ן בעסטען בוימאייל,
זעמעלמעהל, געווירצען
האבען העל געפלאַקערט
די מזבחות היינט:
פון אֲרָם, פון יָוָן,
כַּשְׂדִים און מִצְרַיִם
זענען געסט געקומען —
פריהערדיגע שׂונאים,
איצטערדיגע פריינד;
און דער כהן־גדול
האט זיין ברכה ליעבליך
יעדערען געגעבען.
שעהן און שטאלץ און הויך
שטעהט ער בי'ים מזבח
אין די בגדי קדש,
שיינט און גלאנצט פון גדולה

אין די רויטע פלאַמען,
אינ׳ם בלויען רויך...

. . . .

וואָר־זשע שטופּט־זיך דאָרטען
דורך די אויסגעפּוצטע
שׂרים, אנשי־חיל
צו׳ם מזבח?... ווער?...
אָבגעריסען, באָרוועס,
איינגעהויקערט... יעדער
אָבער אין איהם ציטערט,
יעדער טריט איז שווער...

ווער איז ער, דער אַלטער,
און וואָס וויל ער? — זעהט נאָר:
מיט אַ קרבן־עני
אין דער דאַרער האַנד
קריכט ער צו׳ם מזבח.
און די בלייכע ליפּען
בעטען: „כהן־גדול!
ברייננ אויף מיין מתּנה
צו דעם גאָט דעם לעבען

פאר מיין פאטערלאנד!"...

אין דעם כהן'ס אויגען
צינדט זיך אן א פייער:
(סטייטש, אזא מין העזה...)
„— דו, מצורע! — שרייט ער —
ווי דערוועגסטו זיך
צו'ם מזבח נאהענט
צוטרעטען?!... איי! נעהמט איהם,
חאפט איהם, דעם מצורע,
און מחוץ למחנה
ווארפט ארויס איהם גיך!!

. . . .

שיר־המעלות זינגען
ריינע זיסע שטימען;
פיעדלען, צימבלען, טאצען
העלפען־אונטער זיי...
און דער כהן הערט ניט
ניט דעם עולם'ס שטימען,
ניט דעם זקן'ס גרויסען
ביטערען געשריי:

„— איך? איך בין מצורע?!
מיך — מחוץ למחנה?!...
ניין! טהר־אויס דעם אפוד,
רייס־אראב די אורים
ותומים פון דיין ברוסט!...
אין די אויגען דיינע
ברענט א העליש פייער...
קרעץ איז אויף „דיין" שטערען
און „דיין" הארץ איז פוסט —

„פוסט פון עכטען גלויבען...
ניט דעם גאט דעם גרויסען,
אייביגען און שטארקען
דיענסטו, כהן־גדול!
פייניגסט, שטראפסט און יאגסט מיך
ניט פאר מיינע זינד,
נאר כדי דער עולם,
דער המון דער ווילדער,
נארישער און גראבער,
זאל אין דיר ווי פריהער
גלויבען שטום און בלינד!"...
. . . .

פיעדלען, צימבלען, טאַצען
קלינגען פון דערווייטענס...
און מחוץ למחנה,
עלענד ביי א וואַנד
פון א וויסטער חורבה
שטעהט און קלאַגט דער אַלטער
מיט דעם קרבן־עני
אין דער דאַרער האַנד...

II.

איוב.

אין ווינקעל הויף, אויף שטויב און קויט,
בעדעקט מיט קרעץ אין בלוט, אין אייטער,
ליעגט איוב. ביטער איז דער טויט,
נאר, ווי א הונגעריגער — ברויט,
ביי גאט די רוה פון קבר בעט ער.
אלץ, אלץ פערפאלען: פוסט און וויסט
זיין הויז, זיין שייער און זיין קעלטער;
זיין טיש איז אש, זיין בעט איז מיסט —
און עלענד, איז ער אויף דער עלטער...
דארט, וואו עס פלעגען סעודות זיין
מיט פעטען פלייש מיט אלטען וויין,
מיט פיעדלען, צימבלען, פויקען, טאצען,
דארט ליעגט ער, שטום, אין שמוץ און שאנד,
פון ארט זיך רידרען ניט אומשטאנד,
און האלט א שערביל אין דער האנד —

די הוילע, טיפע וואונדען קראצען...
שטיל איז ארום, דער גרויסער שלאק
איז אויף דעם גאנצען ארט געפאלען,
ווי אויף דאס בוימעלע די האק.
פערטריקענט זענען אלע קוואלען
פון טרייסט און האפנונג... קלאג און פיין
זעהט יעדער אויג, הערט יעדער אויער.
נאר... הערט זיך־צו... וואס זאל עס זיין?
וואס טהוט זיך דארט ביי דעם טויער?
די הינד, די אלטע, בייזע הינד,
די שומרים איוב׳ס... א, זיי ווילען
פון גאר ניט ווּיסען... טויב און בלינד —
זיי טהוען זייערס נאר — זיי בילען!
זיך אבגעריסען פון דער קייט,
פיהלט יעדער הונד זיך פאר א גבור...
זיי שפּרינגען, לויפען דולערהייד
און האפּען יעדערען וואס געהט
פארביי דער חורבה...
גאט, דו ליעבער!
א בילעריי, א מין געשריי,
א דולע, ווילדע וועלט!... א פנים,

גנבים חלומ'ען זיך־זיי,
גנבים, רוצחים, בייזע שונאים...

. . . .

דו שטעהסט דערשראקען, ארים קינד!
דערשטיקט דיין קראפט, פערשטיינט דיין ווילען...
וואס קאן מען טהון? זיי זענען הינד —
זיי זענען הינד און מוזען בילען...

III

נבוזראדן.

עם רוישט דער ווינד... עם דונערט... בליצען רייסען
די וואלקען־דעק ווי פייערדיגע שלענג...
מצבות פלאצען... פונ'ם גיהנום־אבגרונד
שטעהט־אויף א בילד — א בילד פון האס און פיין...

אין שווארצען רויך און נעבעל איינגעוויקעלט,
ווי איין מזבח פלאמט די גאנצע שטאדט;
און גרוים און שרעקליך זעגען די קרבנות:
דער העכסטער און דער פיינסטער שאץ פון קונסט
און וויסענשאפט; די אידעלסטע קליינאדען
פון גלויבען און פון גאטעס־דיענסט; די קרוין
פון תורה און פון כהונה, און אינאיינעם
מיט זיי דאס האב און גוטס, די מיה און ארבייט
פון טויזענדער פעריאמערטע נשמות,
„דאס לעצטע ביסעל ארימקייט" — פון אלץ.

פון אלץ איז דארטען אש און שטויב געווארען:
ניטא ניט יונג, ניט אלט, ניט ווייב, ניט קינד, —
אלץ האט צושטויסען ווי א ריעזען־האמער
נבוכדנאצר'ס מערדערישע האנד!...

און, פול מיט האס, נקמה און נצחון,
אין טעמפעל קומט אריין נבוזראדן,
דער פלייסיגער געהילף פון דעם טיראן,
דער אויבער־האר פון זיינע הויף־דראבאנטען,
פון יענע שומרים, וועלכע היטען אב
אי טאג, אי נאכט זיין שלאף, זיין רוה, זיין אטהעם,
בעגלייטען איהם אויף יעדען שריט און טריט...
אין טעמפעל קומט אריין נבוזראדן,
א בייזע פרייד, א פונק פון העליש־פייער
גליהט־אויף און בליצט אין זיינע טיעפע אויגען,
דערהערענדיג דעם ווילדען קלאנג פון העק
און האמערס אין די הענד פון די סאלדאטען,
וואס האקען אוים די שווערע קופער־זיילען,
דעם פראכט־בעציהרטען קופערנעם באסיין,
־אס גאלד און זילבער פון די אפפער־טישען...
און קאראוואנען ציהען זיך צו בבל

בעלאדען פול מיט אונשעצבארען רויב...

אין טעמפעל געהט ארום נבוזראדן —
און פלוצים בלייבט ער שטעהן טיעף פערוואונדערט:
דארט, אויף די מארמאר־שטיינער ביי'ם מזבח
דערזעהט ער... ווארט! וואס איז דאס? — פרישעס בלוט
בעדעקט די קאלטע, די געשלייפטע שטיינער...
און שרעקליך קאכט און זידט און שפריצט אויף זיי
דאס בלוט ווי אויף א העל־צוגליהטען אייזען...
„— וואס איז דאס? — פרעגט נבוזראדן — וועמעס
בלוט זעה איך דא? און וואס ליעגט פאר א כח
אין דעם, וואס לעבט און הערט־ניט־אויף צו זידען?"...

„— עס איז געווען א נביא — ענטפערט איהם
א ציטערדיגער קול — און הויך און מעכטיג,
ווי אויפ'ן פרייען ים דער פרייער ווינד,
פלעגט צו דעם פאלק דעם נביא'ס שטימע שאלען;
און ווי די כוואליעס פלעגען זידען הערצער
פון זיינע פייער־פליסענדיגע רייד...
דאס איז געווען א שטראם פון גיפט און צארען
פאר די געקרוינטע קעפ פון די טיראנען;

דאס איז געווען א זיסער קוואל פון טרייסט,
פון ווארימען, מחיה׳דיגען בוימאייל
פאר אלע נויטגעדרונגענע, פאר אלע
פעריאמערטע און עלענדע נשמות...
און, זעהסט, אט דא איז ער געפאלען טויט
פון די, פאר וועמען ס׳איז זיין קול געוועזען
אנ׳אייביגער, געפעהרליכער קטיגור,
אנ׳אייביגער און שרעקליכער גזר־דין...
דאס איז זיין בלוט: עס זענען טעג און וואכען
פערגאנגען, און... דו זעהסט? עס זידט און שפריצט,
עס קאן ניט רוהען און עס וויל ניט רוהען
דעם נביא׳ס הייליג בלוט״...
„— נו, האט געזאגט
נבוזראדן מיט א בייזען שמייכעל —
שוין טעג און וואכען זידט דאס בלוט און קאן ניט
און וויל ניט רוהען?... כ׳בין א בעלן פרובען
עס איינצושטילען!... קום אהער, מיין פריינד
געטרייער פריינד, מיין גוטער, אלטער תלין!
בעוויז דיין ארבייט!״...

און ער קוילעט אוים

אויף יענעם ארט די זקנים פון סנהדרין —
פון גרויסען און פון קליינעם — די פערציהרטע
מיט כתרי־תורה לעהרער פונ'ם פאלק...
נאר ס'איז אומזיסט: עס קאכט און זידט ווי פריהער
דעם נביא'ס בלוט... נבוזראדן הייסט
פערנעהמען אלע שעהנסטע, פיינסטע טעכטער
פון ציון און די איידעלסטע בחורים —
די איידעלסטע און פיינסטע יוגענד־בלומען —
און שעכטען זיי... עס העלפט ניט!... דער טיראן
בעפעהלט, מען זאל אין גאנץ ירושלים
צונויפנעהמען די קינדער פון די שולען,
די טייבעלעך די אונשולדיגע, ריינע,
די טרייסט און האפנונג פונ'ם פאטערלאנד
און ברייננען זיי צו'ם תלין...

און א טייך
פון קינדער־בלוט פערפלייצט די קאלטע שטיינער,
פערשפריצט, פערפלעקט די ווענד, די פענסטער, טהירען...
עס פליסען שטראמען פון די טרעפ אראב
אין הויף, אין פאר־הויף; פליסען און פערפלייצען
די גאסען, מארקען...

און א רויטע חמארע

פערשפּרייט, פערבּלענדט נבוזראדן׳ס אויגען...
ער ווערט פערציטערט... האַפּט זיך פאר׳ן קאָפּ...
א ווילד געשריי, א קול פון אימת־מות
מיט וועהטאג רייסט זיך־אויס ביי איהם פון הארצען...
ער לויפט ארויס פון טעמפּעל... שפּרינגט אריין
אין רייט־וואַגען און יאגט די פערד... זיין לאנגען,
מיט גאלד און פּערעל אויסגענייהטען מאנטעל
צעוועהט דער ווינד ווי פליגעל, רייסט און פלאַנטערט
די לאָקען די געקרייזעלטע און שווארצע
און פייפט און זומט אין פּנים... און עס וואַקסט
און וואַקסט ארום די שווערע רויטע חמארע,
און בליצט, און פלאַקערט... און עס וויינט און קלאָגט
דער שטורעמווינד... און קולות אין דער לופטען
צוגיסען זיך ווי חוואַליעס, און זיי שלאָגען
אין פּנים איהם מיט צאָרן און מיט האַס:

„— אהאָ! דו פּרובּסט די גוטע אַלטע תּרופה
פון טיראַני: בּלוט אבּשווענקען מיט בּלוט,
מיט בּוימאייל פייער לעשען? און עס העלפט ניט. —
איא? עס העלפט ניט?!... און עס וועט ניט העלפען!
דעם נביא׳ס בּלוט וועט אייבּיג, אייבּיג לעבּען

און זידען, און מיט ברענענדיגע טראפּען
דיר שפּריצען אין די אויגען... לויף, טיראַן,
באַהאַלט זיך אין די פּאַלאַצען פון בבל
ווי אין דער שטאַרקסטער פעסטונג... צום־אַרום
די ווענד פון זיי מיט פעלזען ביז'ן הימעל.
דריי־פאַכיג רינגעל זיי אַרום מיט שומרים,
בעוואָפּענט פון קאָפּ און ביז די פיס
מיט שפּיזען, שילדען, פויקען און טראָמייטען,
זיי זאָלען שטעהען וואַך אי טאָג אי נאַכט,
עס זאָל אַ האָאָר אַנ'אייִנציגעס, חלילה,
ניט פאַלען פון דיין קאָפּ, עס זאָל אַ פליג
דיין שטילען שלאָף, דיין זיסע רוה ניט שטערען;
פערשליס אויף זיעבען שלעסער יעדע טהיר,
בעשלאָג מיט שטאָהל און אייזען יעדען פענסטער, —
און אַלץ וועט זיין אומזיסט!... די רויטע חמאָרע
וועט געהן נאָך דיר, וועט שטעהן פאַר דיינע אויגען;
דער בלוטיגער, דער שווערער, בייזער שאָטען
וועט עטעמען אין פּנים דיר מיט גיפט
פון האַס און פלוך, פון צאָרען און נקמה,
ביז וואַן דו וועסט אין אונשולדיגען בלוט
אַליין דערשטיקט, אַליין דערטרונקען ווערען!"...

עס וויינט און קלאגט דער ווינד... עס רייסען בליצען
די וואלקען־דעק ווי פייערדיגע שלענג...
מצבות פלאצען, פאלען... פונ'ם אבגרונד
שטעהט־אויף דאס בילד...

.IV

המן.

ומרדכי יושב בשער המלך.
(אסתר, ב׳ כ״א).

עס זינגט און קלינגט, עס פינקעלט און עס שיינט
דער קארנאוואל, די זיסע פורים־סעודה...
די גליקליכע שושנת־יעקב זיצט
ביי׳ם טיש און טהיילט די קינדער המן־טאשען...
דער המן־קלאפער רייסט זיך פון דער הויט
דער גראגער דרעהט זיך אין א ווילדען וויחאר...
עס זינגט און קלינגט, עס צאפעלט און עס קנאקט,
און ערד מיט הימעל שרייען: „— ארור המן!
פערשאלטען זאל ער זיין, דער בייזער פיינד,
ימח שמו, דער צורר היהודים!!!״

און פון דעם גיהנום־אבגרונד שווימט ארויס
די טיעף־פערהאסטע, פינסטערע נשמה...
דעם כף־הקלע׳ניקעס בילד שטעהט אויף פאר מיר

אין אזיאטיש־העל פערציהרטען אנצוג:
אין א חאלאט פון בלאהען סאמעט־שטאף,
א גרינעם טורבאן אויף די שווארצע לאקען,
פאנטאפעל געלע, קונציג אויסגענייהט
מיט גאלדבארטען, מיט פערעל און סאפפירען —
און נור דאס תליה־שטריקעל אויפ'ן האלז
עראינערט אויף זיין ביטערע מפלה...

ער שטעהט פאר מיר... א שמייכעל, דוכט זיך, צאנקט
און שלענגעלט זיך אויף זיינע בלייכע ליפען...
און המן רעדט:
„... הקיצור — זאגט ער — איצט
איז שפעט צו קריטיקירען די מגילה...
מיט ווילד־גראז איז בעוואקסען יענער דור,
מיט גראהען מאך און שימעל זיין מצבה...
א ווילדע צייט איז אונזער צייט געווען,
דאס לאנד א ווילדעס און די מענשען ווילדע.
איך, המן, בין געווען גרוים און שטארק,
פון אלע שרים מעכטיגער און העכער;
און אלע פלעגען קניהען דארט פאר מיר.
היינט זאג אליין, בערעכען על פי יושר,

האב איך געקאנט קאלטבלוטיג זיין צו דעם,
וואס מרדכי האט זיך ניט געוואלט מיר בוקען?
און ווער־זשע איז געווען אט דאס יודעל,
וואס פלעגט ביי'ם טויער זיצען גאנצע טעג?
אנ'איינגעהער ביי הגי סרים המלך:
אנ'איינגעהער... איך זאג, פערשטעהסטו מיך,
חלילה ניט א מעקלער ביי דעם פיינעם
סאנאוויק פון הארעם, נור גלאט אזוי —
א פאסטאווסטשיק פון בשמים, פארבען, זאלבעז
א הענדלער מיט גאלאנטעריי און גאלדווארג,
און אפשר א הלואה'לע אמאל
אויף וואכער מיט א גוטען משכון פלעגען
ביי'ם יודעל נעמען בגתא מיט חרבונה'ן
(און, דוכט זיך מיר, חרבונה טאקע אפט)...
קיין גרויסער יחסן, ס'הייסט, איז ניט געוועזען
דאס יודעל... נור דאס אלץ בין איך דיר מוחל
ניין, וויכטיגער איז אט וואס: אט דער מרדכי
פלעגט זיצען דארט ביי'ם טויער; און א יוד,
וואס זיצט ביי'ם טויער, דארף און מוז זיך בוקען,
מוז קניהען פאר'ן פריץ' קושען איהם
די הענד, די פיס, די פאלעס, די פאנטאפעל,

דעם שטויב פון זיינע טריט, דעם שאטען זיינעם,
אין מויל איהם קוקען, שלינגען יעדעם ווארט
און חאפען יעדען וואונק פון זיינע ברעמען.
אזוי איז שוין דער מנהג — און א פשיטא
אין אונזער צייט, אין אונזער ווילדער צייט!
און אז דאס יודעל האט געהאט די העזה
דעם קאפ צו האלטען הויך און שטאלץ פאר מיר,
נאטירליך, האט געדארפט ביי מיר אין הארצען
א העליש פייער פלאקערען און קאכען
ביז וואן איך וועל פון איהם נקמה נעהמען,
ניט ריכטיג אבער שטעהט אין דער מגילה:
„וַיִבֶז" — כ'האב גע'מאוס'ט זיך טויטען נאר
איין מרדכי'ן: גלאט ויבז — אהן א פירוש;
ניין, כ'האב צו דעם געהאט א טיפען טעם —
איך האב פערשטאנען, אז דער שטאלץ, דאס גדלות
מוז ליעגען אין נאטור ביי יעדען יודען.
מוז זיין אנ'איינגענשאפט פון גאנצען פאלק,
טא זאל־זשע אויף דאס גאנצע פאלק ישראל
זיך אויסגיסען מיין האס, מיין גיפט, מיין צארען!...
דו ווייסט, ניט נאריש איז מיין פלאן געווען
און שרעקליך וואלט געוועזען מיין נקמה!

עס טהוט זיך אבער אומגעריכט א דרעה

דאס רעדעל — אייער מרדכי ווערט א גדול,

און איך... איך פליה צו אל׳די שווארצע יאהר,

אין גיהנום, אין דעם טיעפען, וויסטען גיהנום!...

דער צורר לאזט אראב דעם קאפ... ער שטעהט

א ווײלע שטיל, פערטראכט... און ווידער הערט זיך

זיין שטים פערשטיקט פון טרויער און פון וועהטאג:

„— נו, מילא, פעך און שוועבעל, שרויפען, צוואנגען —

דעם טעם פון דעם פערשטעהן איז ניט שווער.

ניין, ניין, דעם גרעסטען וועהטאג פלעג איך פיהלען

איין מאל אין יאהר, איין־איינציגס מאל, בשעת

מען פלעגט מיין שווארצע, זינדיגע נשמה

ארויסלאזען פון גיהנום אויף דער וועלט:

„געה! — פלעגען די מחבלים מיט די ריטער

און צוואנגען שרייען מיט א בייז געלעכטער —

געה, המנ׳קע, און קוק און האב הנאה

ווי יודען פראוועון פורים! הער זיך צו,

ימח־שמו׳ניק, צו די מי־שבירך׳ס,

וואס קלינגען דארטען פאר דיין כבוד וועגען!

קריץ מיט די צייהן, דו אלטער וואלף! צופלאץ

דעם שלאנגען־קאפּ! אויף הוילע, ווייסע שטיינער
גיס־אויס דיין גיפט!"...

אוי, ביטער, הערסטו, ביטער
איז דאס געווען!... און דאך א גרויסער טעות
איז מיינען, אז אין גיהנום איז שוין גאר
א סוף צו טרייסט און האפנונג; אדרבא,
דער גיהנום לייטערט־אויס דאס הארץ, דאס בייזע
און פינסטערע, בלאזט־אויף, צינדט־אן, צוגיסט
א ליכטיגקייט פאר די פערבלענדטע אויגען,
און קומענדיג אויף אייער נאריש וועלטיל
האב אנגעהויבען איך צו זעהן עפּיס
אזעלכעס, וואס מיט זיסע טרייסט דערפילט
מיין עלענד, ביטער הארץ... יא, איצט, דורך לאנגע
צוויי טויזענד מיט דריי הונדערט יאהר אנ׳ערך,
וואס זעה איך אויף דער וועלט? — איך זעה א לאנד,
וואו יודען האבען מיט׳ן גאנצען הארצען
גענומען זיך צו בילדונג, צו קולטור;
זיי נאָרען, צאפּלען, קריכען פון די כלים,
דעם לעצטען גראשען גיבען זיי אוועק,
דעם לעצטען מארך, דאס לעצטע ביסעל חיות
אויף „לערנען"; און עס זענען, דאנקען גאט,

שוין טויזענדער דיפּלאָמען דאָ בײַ יודען.
און יודען זענען אומעטום, וואו נאָר
עס שפּראָצט אַ זאַנג פון וויסענשאַפט, עס שימערט
אַ פונק פון וואַהרהייט, אָפּפערען מיט ליעבע
דאָס גאַנצע לעבען אין׳ם גרויסען קאַמפּף
פאַר וואַהרהייט, ליכט, גערעכטיגקייט און פרייהייט –
און לעבען... לעבען ערגער ווי די הינד!...
און וואָס־זשע טהוען מרדכי׳ס יורשים, יענע,
וואָס האָבען בצוואה פון דעם זיידען
די גאָלדענע, די גרויסע יחוס־פּאַהן,
דעם הויכען טיטול: „גדול ליהודים״?
וואָס טהוען זיי? אַח, זיי געבענשט, געלויבט,
דו, גיהנום, פאַר דעם זיסען טאָג, אין וועלכען
די אויגען מיינע זעהען דאָס: די מרדכי׳ס –
די אַלטע קנעכט, די אַלטע טויער־זיצער –
זיי זענען זיך משתדל פאַר׳ן כלל!
זיי זענען זיך משתדל – ס׳הייסט: זיי קריכען
צו מיין „ממלא־מקומי״, בוקען זיך
און קניהען, פויזען פאַר די פיס און קושען
און לעקען יענע הענד, וואָס שלאָגען זיי,
און קוקען מיט אַ זיס חניפה־חנ׳דיל

אין יענעם מויל, וואס שפייט אין פנים זיי!...
און נאך א חלוק פון די אלטע יאהרען
בעמערק איך דא, געדענקסטו, ליעבער פריינד,
מיין ראפארט אחשורוש׳ן פארצייטען?
דארט ווייז איך אן, ווי אויף דעם גרעסטען חטא
אויף „ודתיהם שונות״. אין מיין גראבער
און ווילדער צייט איז דאס געווען א זינד
פאר וועלכען ס׳איז „אין שוה להניחם״:
א פאלק, וואס לעבט נאר פאר זיך, וויל ניט וויסען
פון אלגעמיינעם לעבען אינ׳ם לאנד,
פון אלגעמיינע האפנונגען און נויטען;
א פאלק אזוינס איז א געפאהר צו האלטען
פאר וואסער־טרעגער, האלץ־העקער אפילו.
אזוי האב איך אין מיין דאקלאד געשריבען.
און איצט, ווען יודען האבען טייכען בלוט
פערגאסען, אויפ׳ן רוסישען מזבח
געבראכט קרבנות אהן א צאהל — איצט גיט
דער גוטער, בארעמהערציגער מיניסטער
אנ׳עצה זיי להיפך אקוראט:
„— וואס טויג איך — זאגט ער — מיינע ליעבע יודען,
בעמיהען זיך און זארגען פאר דער וועלט?

מיט פרעמדע לייט זיך מישען מיט די לעפעל?
פאר אייך איז גלייכער בלייבען פרעמד צו זיי...
פערקריכט אין אייער אלטען; פינסטער ווינקעל;
זיצט רוהיג; א שטיל־שווייגעניש זאל הערשען
אויף אייך. קיין אטהעם זאל פון אייך ניט געהן;
זייט, יודען, שטום און בלינד און זייט מקבל
פון מיר באהבה יעדען שפיי אין פנים.
און געהט אוועק און טראגט איהם־אב גאנץ כנסת
ישראל, וואס האט אייך געשיקט צו מיר,
צו אייער בעסטען, אמת'ן בעל־טובה!"...
אח, זיי געבענשט און געלויבט אויף אייביג
דו, שווארצער גיהנום, פאר דעם טיעפען טרייסט,
וואס נעהמט אראב פון מיר די שווערע קייטען,
וואשט אב פון מיר דעם אלטען צורר־שאנד,
גיסט־און מיט פרייד מיין זינדיגע נשמה...
וואס קאן זיין זיסער פון אזא נקמה?!"...

און המנ'ס בייז געלעכטער שאלט און קלינגט
און גיסט זיך ווי א שטראם פון סם־המות.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פערפלייצט, פערטרינקט די זיסע פורים־סעודה...

און הייסע רויטע טראפענס פאלען, פאלען
אין פורים־כוס... דאס טריפט דאס בלוט פון הארצען...
און ווי א שמייכעל פון א טויטען שארבען
זעהט־אויס דאס ווילדע פורים־שפיעל!...

V.

די שרפה.

דער אווענד־שטערען גלאנצט און שיינט...
א הייסער טאג געוועזען היינט,
געברענט, געבראטען אהן רחמנות,
א טאג א יאהר — א שווערער תענית!...
דער אווענד־שטערען לייכט און שיינט...
עס געהט אין גאס דער לאמפען־צינדער —
שוין צייט זיך אבצופאסטען, קינדער!

איך זיץ ביים פענסטער, שטום און שווארץ
בעדעקט דער שאטען בערג און טהאלען...
וואס ציטערסטו, מיין קראנקעס הארץ?...
אך, די געדאנקען ווידער מאלען
אנ׳אלטעס בילד, א שרעקליך בילד:

רוים קלאנגט און שרייט פון ועהטאג ווילד...
רוים ברענט, רוים פלאקערט... ס׳פלאצען, פאלען

געוועלבען, זײלען און פּאַרטאַלען...
עס איז אין רויך דער פאַנטאַן
ווי אין אַ וואַלקען אַנגעטהאָן...
אין קאַליזײ און אויפ'ן פאָרום
הערשט אימת־מות... עלענד, אָרים
ליעגט רוים... זײן יום־טוב איז פערשטערט..
פון צוויטען „מגדל־נמרוד“ ווערט
אַ הויפען אַש און מיסט און שטײנער...
און דאָרטען... זעהסט, מײן קינד? שטעהט אײנער
פון די, וואָס טיטוס האָט מיט מאַכט
אַהער, אין שטאָלצען רוים, געבראַכט
פערשמיעדט אין קײטען. אָט דער גרויער
און בלײכער מאַן, אין שוואַרצען טרויער,
בײ'ם ברעג פון טיבר... דו זעהסט, מײן קינד:
ניט אַבגעשוואַכט און ניט דערשראָקען —
ער שטעהט אין רויך, אין שטאָלץ... דער ווינד
צעווײהט די לאַנגע, ווײסע לאָקען:
דער פלאַמען־אַבגלאַנץ גליהט און שײנט
אויף איהם ווי העליש־רויטע בלומען
און שרעקליך קלינגט זײן שטימע:
„— הײנט,

אָ רוים! אָ, רוים, מיין בייזער פיינד,
היינט איז דיין טאג, דיין טאג געקומען!...
אָ, טיטוס! דו געדענקסט די טעג,
ווען, נאכ'ן בלוטיגען געשלעג,
ביזט דו געשטאנען אויף די גאסען
פון ציון? דעמאלט גרויסער העלד,
האב איך זיך אויסגעלערענט... האסען!
ניט דיין נצחון אויפ'ן פעלד,
נאר דיין געשפעט פון אונזער שאדען
און אונזער שוואכקייט האט דאס בלוט
אין מיר ווי פייער אויפגעזאדען!...
נאר גאט האט ווידער קראפט און מוטה
אין הארצען מיר אריינגעגאסען, —
איך האב דאס גרעסטע פרייד געגאסען:
נקמה!... אָי, ווי שוואך און קליין
איז איצט דיין זאל פון מירמעל־שטיין,
דיין שווערד און שילד! וואס איז די פעולה
פון זיי? ניט רוים — ניין טיטוס, ניין;
דאס ברענט דיין כבוד און דיין גדולה!
דאס בעסטע, גרעסטע גוטס און האב,
וואס האסט געקליבען לאנגע יאהרען.

פון אלץ איז אַש און מיסט געווארען!...
איך האב געזעהען דיך אין שאנד,
דיין קאפּ געבויגען, שוואך דיין האנד,
דיין פּורפּור־קלייד צופליקט אויף שטיקער.
איך האב געזעהען, אָ, בעדריקער,
ווי דו ביסט הונגעריג און מאט —
און בין אהן ברויט געווארען זאט
און בין אהן וויין געווארען שיכּור!...
און ליכטיג איז מיר איצט מיין נאכט!
די יונגע אדלער דיינע פליהען,
די יונגע לייבען דיינע, ציון,
זיי וואקסען, וואקסען!... מוטה און מאכט
אין זייער הייסען הארצען בליהען,
עס זידט דאס בלוט, די אויגען גליהען...
א נייער מזל שפּריצט און פליסט
אין אונזער לעבען און בעגיסט
מיט פרייד און קראפט די אלטע גליעדער
און מאכט אי יונג, אי שטארק זיי ווידער
מיט ציונ׳ס פאהן און ציונ׳ס שילד!״...

*

*   *

און עס פֿערשוועבט דאס אלטע בילד...
און ווי א רויך צוגעהט מיין דרימעל...
א שאטען ליעגט אויף ערד און הימעל...
דער אוועגד־שטערען לייכט און שיינט...
א הייסער טאג געוועזען היינט,
געברענט, געבראטען אהן רחמנות...
געוועזען א לאנגער, שווערער תענית...
און צו בעגינען איז נאך ווייט,
ווייט ביז עס קומען ווידער
די אלטע כוחות...
אך, שוין צייט —
שוין צייט זיך אבצופאסטען, ברידער!...

VI.

פרעה.

(מדרש רבה, שמות א׳.)

„ווען? — פרעגסטו, עלענדע פויגעלע — אן ערך
דריי טויזענד מיט דריי הונדערט יאהר צוריק
האט דאס פאסירט — דערצעהלט אונז די לעגענדע.

קיין גבור איז ער קיין מאל ניט געווען
דער פרעה, און קיין גרויסער חכם אויך ניט.
די „פרעה׳אנען״ זיינען אבער שוין
פון אייביג־אן פעררעכענט אין מצרים
פאר כשר׳ע און הייליגע נשמות,
די געטער היטען און בעשיצען זיי
אויף יעדען טריט; די שטערן־זעהער קוקען
אין הימעל־בוך — אין העלען גאלדענשריפט
פון די מזלות, און די פרומע פריסטער
אין טעמפעל שחט׳ען שעפסען, בעק און רינדער

און קליגען זיך — בעטראכטענדיג די פעטע
און ווארעמע געדערים — אלץ כדי
ס׳זאל פרעה׳ס מינדסטער נאגעל זיין בעווארענט
פון אל׳דאס בייז, קיין טראפען טהוי אויף איהם,
קיין שטויבעלע זאל אויף איהם ניט פאלען.
און ווי־זשע גרויס, ווי גרויס האט דארט געדארפט
דאס וואונדער זיין דערהערענדיג אז פרעה׳ן
האט מיט א מאל פערחאפט א מין חלאת
וואס מיט איהר נאמען מאוס׳ט זיך אפילו
דער גרעסטער קנעכט, דער לעצטער בעטלער —
קרעץ!
און וואס פאר קרעץ! עס האט זיך אויסגעשאטען
און אויסגעשפרייט פון דעם געקרוינטען קאפ
און סאמע ביז די פיאטעס — ביז די פיאטעס
די איידעלסטע און פיינסטע אין מצרים...
אה! ס׳דארפען דאך פאר צער, שאנד און ועהטאג
זיך איבערקעהרען אין די טיעפע קברים
די זיידעס און עלטער זיידעס זיינע.
סטייטש, פרעה א מצורע!! ווארזשע זיינען
די כהנים און, חרטומים, שטערן־זעהער,
די שפרעכערס, די דאקטוירים, די מכשפים?

זיי זיינען אלץ שוין געווען דארט
און אלץ געפּרופט: מען האָט איהם שוין בערויכערט
מיט הייליגע געווירצען, גראָזען, ווארצלען,
געריבען איהם מיט פעל פון קעץ און מאַלפּעס,
געשמירט איהם מיט גאַל פון שווארצען עגל אַפּיס
מיט פריש און ווארים בלוט פון פויגעל ינשוף,
געשפּראָכען און געבלאָזען און געפּאַכט
אויף איהם מיט די פּרוכתן פון טעמפּעל
און הונדערטער קרבנות שוין געבראַכט —
און אלץ אומזיסט!
איין האָפנונג איז געבליבען:
מען האָט געשיקט צום גרעסטען בעל־אוב,
צום כהן פון דעם גיהנום־גאָט אנובים
די מתים צו בעשווערען און ביי זיי
א מיטעל צו בעקומען פאַר דעם חולה.
און פון די קברים־היילען, פון די טיעפע
און פינסטערע, בעוואַקסענע מיט שימעל —
פון דאָרטען וואו עס זיצען גאַנצע טעג
בעהאַלטען פון דעם הימעל־שיין, די סאָוועס
און פלעדערמייז, דערהערט זיך א דערשטיקטער
און הייזעריגער קול:

„א וואנע פולל
מיט בלוט, מיט בלוט — מיט פרישע מענשען־בלוט!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א דונערשלאק איז פון קלאהרען הימעל
אראבגעפאלען אויף די שטעדט און דערפער
און איבער גאנץ מצרים האט זיך האסטיג
אַ גאָס געטהאן א הייסע רויטע כוואליע.
פערפלייצט די וועגען, גאסען, הויפען, הייזער;
פערטרונקען און דערשטיקט דעם לעצטען פונק
פון לעבענס־שיין, פון לעבענס־פרייד און האפנונג —
דער קרעציגער טיראן איז ביזן האלדז
געזעסען און געוויקט זיך אין׳ם בלוט־באד...
עס האט געשפריצט פון דארט אין אלע זייטען.
די מארמאר־וואנד און די געטאקטע זיילען
פון מאלאחיט, פון קופער און לאזור־שטיין,
די פארהאנגען פון גאלד און זילבער־שטאף
די זינגענדיגע שפרינג־ברונעמס אין גארטען,
די זאפטיגע און פרישע בלומענשטאקען —
אלץ איז געווען בעדעקט מיט רויטע פלעקען
פון בלוט — פון ווארים, פרישע מענשען־בלוט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אך, ציטער ניט און וויין ניט, ארים קינד,
מיין פויגעלע, מיין עלענדעס און קראנקעס!
דריי טויזענד מיט דריי הונדערט יאהר צוריק
האט דאס פאסירט — דערצעהלט אונז די לעגענדע.

VII.

מתתיהו.

בימים ההם
בזמן הזה.

עס שטעהט פאר מיר דאס אלטע לעמפעל ווידער.
דאס לעצטע, וואס ביי אונז איז נאך ביז איצט
פון גאנצען בעל־הבתישקייט געבליבען —
א זכר אז מיר האבען אויך אמאל
צו לייטען גלייך געלעבט, געפיהלט, געטרונקען
דעם זיסען גיפט פון צארן און נקמה,
די פרישע לופט פון פרייהייט, קראפט און פרייד...

עס שטעהט פאר מיר דאס אלטע לעמפעל ווידער.
דאס ליכטעל צאנקט און אטעמט ווי א קינד
אין טיעפען שלאף, אין שטילען, בלייבען חלום...
און חלום־בילדער שוועבען איבער מיר
און וויקלען מיך ארום מיט א ווייבען
און קלארען וואלקען... פון די גרינע בערג
און פון די בלאהע טהאלען ציהט א ווינטעל —

א גרוס, א זיפץ פון אלטען פאטערלאנד...
עס שיינט די זון פון גבורה און נצחון,
פון שלאכט־פעלד געהט דער העלער העלדען־צוג...
עס קלינגען ליעדער פון די בלאהע טהאלען,
טראמייטען שאלען פון די גרינע בערג:
געלויבט איז גאט! געבענשט איז מתתיהו!...

. . . .

און שטילער, שטילער ווערען יענע שטימען
און אויסגעלאשען יענע שיין און פרייד...
א שטורם רוישט... עס יאגט א שווארצע חמארע...
פון קאלטען, טויטען אבגרונד הויבט זיך אויף
א בילד... א בילד אין רויטען פלאם און נעבעל...
און, ווידער פריש און מוטהיג שטעהט פאר מיר
דער שנאה־גייסט, דער בייזער, שווארצער שטן
פון יענער צייט... זיין הייזעריג, פערשטיקט
געלעכטעריל צושיט זיך אין דער פינסטער
און קריצט און סקריפעט ווי א טומפע זעג...
און ווי א גיפט־שטראם גיסען זיך אין הארצען
מיר זיינע ווערטער:
„— אמת טאקע, אמת
דאס איז געווען צו ווילד, צו מיאוס: גלאט

א פשוט'ען, א גראבען דבר־אחר,
דאס נידריגסטע, דאס שמוציגסטע פון אלץ,
דאס טרפה'סטע פאר א אידי'שער נשמה,
צו ברייגגען פאר א קרבן! מיט זיין בלוט
מטמא זיין דעם גאלדענעם מזבח,
דאס היילינ הויז פון אייער גרויסען גאט!
יא, איך פערשטעה, ווי שטארק און טיעף און בריהענד
דאס האט פערכאפט, פערקלעמט דאס הייסע הארץ
פון מתתיהו. שרעקליך איז געוועזען
דער גרויהער מאן! זיין חלף האט געפלאמט,
געפונקעלט ווי דאס שווערד ביי'ם מלאך־משחית...
דער אלטער לייב, דער לייב פון בארג־לבנון
איז אויפגעוואכט און... טייער, אי, צו־טייער
האט מיר געקאסט דער דבר־אחר מיינער!...
געדיינקסט־דאך?... צינד־זשע אן, צינד אן די ליכטלאך
זאל באדען זיך אין זייער ליעבער שיין
און קוויקען זיך דיין עלענדע נשמה!...
הער אבער ווייטער, אלטער, גוטער פריינד:
בשעת אויף מיין ברוסט, וואס איז געוועזען
פערצויגען און פערשמידען אין שטאהל און קופער,
איז פריי געשטאנען מתתיהו'ס פוס

בשעת מיט׳ן חזיר־בלוט אינאיינעם
איז אויסגעמישט געווארען און פערטראטען
אין מיסט און שאנדע מיין כבוד און מיין קראפט,
האב איך א קול דערהערט... א טרייסט א טיעפע
האט ווי א בוימאייל, ווי א זיסער ווין
אויף מיין פערביטערט הארץ זיך אויסגעגאסען:
„שווייג, ברודער, ליעג און שווייג... ס׳וועט זיין א צייט
ס׳וועט זיין א צייט — מ׳וועט דעם קדיש דיינעם —
דעם דבר־אחר — אנטהון אין די שעהנסטע,
די איידעלסטע און ריינסטע בגדי־כבוד,
מיט לארבער־בלעטער און מיט פרישע רויזען
בעקרענצען איהם און מיט א ריטטער־באנד
איהם אנגורטען די לענדען... און א קול
וועט געהן און גרינצען איבער בערג און טהאלען:
מאכט א פאראד! שטעהט אויף, שטעהט אויף! עס געהט
דאס בעסטע, דאס בעריהמטעסטע, דאס פיינסטע,
עכט־נוציגע, עכט־כשר׳ע, עכט־ריינע
בעשעפעניש פון גאנץ מדינת־יון,
דער שורש פון איהר גבורה, גדולה, כבוד,
די קרוין פון דער יוָנ׳ישער נאטור!...
און ברייט און פריי, און הויך דעם קאפ פערריסען,

אין פערעל און אין סאמעט אויסגעציהרט,
וועט געהן דער תכשיט איבער שטעדט און שטעדטליך
און פראנק און פריי וועט טרעטען מיט די פיס
ער מתתיהו'ס אייניקלעך; וועט שטויסען
זיי מיט דער טרפה'ער מארדע אין די אויגען,
אין פנים שפייען, באדען זיך און שווימען
און קוויקען זיך אין זייער פיין און וועהטאג.
און פריי, ווי וואסער, טרינקען זייער בלוט!...
און וואס־זשע וועלען זיי, דעם אלטען גבור'ס,
דעם לייב דעם אלטענ'ס יורשים דעמאלט טהון?
אך, שרעקליך וועט אין זיי דער צארן ברענען!...
עס וועלען פיעל פון זיי די אלטע פאהן,
די גרויסע פאהן פון מתתיהו פרובען
מיט מוטה און גליבען אויפהויבען און טראגען
אין קאמפף אין שווערען אויפ'ן פרייען פעלד...
עס פאלען טויזענדער קרבנות
אויף יעדען שריט און טריט... דאס גאנצע לאנד
וועט ווי א פעלד פערזייהט מיט קברים ווערען...
עס וועלען הילכען, קלינגען טאג און נאכט
נקמה־שבועה'ס און נצחון־ליעדער...
עס וועלען פליהען, שיטען זיך ארום

פון אלע זייטען, קלינגענדיג און רוישענד,
גבורים׳לעך, גבורים׳לעך ווי באב...
און איינער וועט ביי זיי נאר פעהלען דעמאלט...
נאר איינער... איינער — מתתיהו!!!״...

. . . .

א וכוח.

(פאנטאזיע)

אין די פינסטערע און לאנגע
ווינטער־אווענדען, אין יענע
טויטע שטונדען, ווען דאס גאנצע
שטעדטיל ליעגט אין שניי פערגראבען
און דער ווינד צושפרייט די ברייטע
קאלטע פליעגעל אויף די דעכער,
קלאגט און יאמערט ווי א יתום —
אין די נעכט שטעהט־אויף אנ׳אלטעס
ליעבעס בילד פאר מיינע אויגען:

„— זיידעניו, דערצעהל אונז עפּעס״.
„— וואס־זשע זאל איך אייך דערצעהלען,
קינדערלעך?״...
און שטיל און רוהיג
איז אין צימערעל. דער זיידע
לאזט אראב דעם קאפּ דעם גרויען,

טהוט א זיפץ, א טיעפען זיפץ,
און אויף זיינע בלייכע ליפען
שוועבט ארום א מילדער, ליעבער,
זיסער שמייכעל... ביי דעם אלטען
זענען זיי צונויפגעגאסען,
אט דער העלער, זיסער שמייכעל
מיט'ן ביטערען און שווערען
זיפץ איניינעם: ווי די שיין
פון די שטערען מיט די שאטענס
אין א שטילער זומער נאכט...

„— וואס־זשע זאל איך אייך דערצעהלען?"
און דעם איידענס שוואכע שטימע
ווערט מיט יעדעםווארט אלץ שטארקער,
ריינער, יונגער...
— אויב איהר ווילט,
ליעבע קינדער מיינע, וויסען,
וואס עס הייסט די גרעסטע שנאה,
שנאת־מות; טא ערלויבט מיר
אייך צוויי שכנים פארצושטעלען:
פרא־דיעגא, א קאטויליק,

און רב יוסף פון נאווארא
האבען צוואנציג יאהר אין שכנות
אבגעלעבט. אין פרקי־אבות
שטעהט געשריבען, אז דאס בעסטע
פאר דעם מענשען אין זיין לעבען
איז א שכן טוב. רב יוסף
איז געווען א גוטער שכן,
פראַ־דיעגא — אויך נישקשה.
ביידע האבען זיך גאנץ רוהיג
צוואנציג יאהר גע׳פסקנ׳ט שאלות.
יעדערער פון זיי גאר פאר־זיך —
פון אנ׳אנדער יורה־דעה.
ניט געמי׳שט זיך מיט די ספרים,
ניט געטהון זיך איבערוואַרפען
מיט המצאה׳לעך, מיט פשט׳לעך,
מיט פירושים׳לעך, מיט ווערטלעך,
ווי דער מנהג איז ביי יודען.
יעדערער פון זיי האט פאר־זיך
צוואנציג יאהר גע׳פסקנ׳ט שאלות·
פאר זיך בישלעכווייז געקליעבען
מעשים טובים, עולם הבא —

און געלעבט זיך שטיל און רוהיג
ווי די בעסטע, ליעבסטע פריינד.

יא, אזוי האט אויסגעוויזען,
פאר א פרעמדען על־כל־פנים,
ווען ער וואלט אמאל געזעהן,
ווי עס פלעגען זיך בעגעגנען
אפט פארנאכט דיביידע זקנים:
„– א גוט־נ'אווענד, פרא־דיעגא!"
„– א גוט־נ'אווענד, רבי יוסף!..."
„– נו, ווי פיהלט איהר זיך?" – „נישקשה
דאנקען גאט. און איהר?" – „א דאנק אייך,
עפעס קאלט איז היינט געווארען..."
„יא, א פרעסטעל"... און אזוי
געהט ביי זיי דער שמועס רוהיג
וועגען דעם און וועגען יענעם.
ביידע זענען זיי געוועזען
גוטע, עכטע בעלי־בתים:
יעדערער געהאט א גארטען
איילבערט־בוימער, אויך א שטיקעל
פעלד צום אקער. און ניט זעלטען

פלעגען זיי זיך האלטען עצות
וועגעןווירטשאפט־זאכען. רוהיג.
שטיל און פריינדליך זיצען ביידע
אויף א ביינקעל נעבען טויער...
פיין? א יא?... איך מוז אייך אבער
אלץ ענטפלעקען ביזן סוף.

פראַ־דיעגא און רב יוסף...
איהר פערשטעהט דאך. ליעבע קינדער,
פיהלט דאך גוט, וואס פאר א טיעפער,
גרויסער חילוק איז געוועזען
צווישען זיי אין תוך, אין מקור...
נו, איז וואלט איהר נאר געזעהען,
ווי אזוי אט די צוויי גראהע,
פיינע, גוטע, פרומע שכנים
פלעגען זיך אמאל צוקאכען
און צוזידען — גאט דו מיינער!
עס איז גאר ניט צו בעשרייבען:
פונקען פליהען פון די אויגען
ווי ביי ווילדע, בייזע חיות
יעדער אבער ציטערט ממש

ווי אין פיעבער... קולות געהען
טאקע ווי מען וואלט זיי שניידען,
שטעכען, בויערען מיט עגבערס...
פראַ־דיעגא און רב יוסף,
דארפט איהר וויסען, זענען ביידע
ניט נאר פרומע מענשען, אבער
אויך פאליטיקער געוועזען;
און דערצו אויך פילאזאפען,
שארפע מוחות גאר פערשפיצטע
האבען ליעב געהאט גאר צו שמו׳סען
וועגען יענע גרויסע שאלות,
איבער וועלכע גאנצע פעלקער
האבען טייכען בלוט פערגאסען.
יענע שאלות, יענע חידות,
וועלכע וועלען פאר דעם מענשען
אייביג בלייבען אונפערשטענדליך...

אך, גענוג אייך, אלטע, גוטע,
ליעבע לייט! איהר וויסט, פערשטעהט דאך
ניט פון היינט און ניט פון נעכטען,
אז אומזיסט איז אייער טרחה:

שרייט און שרייט פון היינט ביז מארגען,
וועט דאך פארט ניט ווערען גארניט.
פשוט גארניט אט פון אלע,
אלע אייערע ופּוחים;
ווייל דעם ריינעם, רעכטען אמת
ווייסט דאך נאר איין גאט אין הימעל.
וואס קאן וויסען פרא־דיעגא?
וואס קאן וויסען רב יוסף?
יעדערער פון אייך איז זיכער
אז דער ריינער, רעכטער אמת
איז ביי איהם אליין פארהאנען.
נאר פאר איהם איז דער גן־עדן
מיטן גאנצען עולם־הבא;
ער אליין איז דער בן־יחיד
און דער יחסן ביי דעם בורא.
איהם געהערט אלץ, ביז א ברעקעל,
און דעם אנדערען – א לעק ניט...
אך, די אלטע, אלטע שאלות! –
לאזט זיי רוהען: – ניט מיט צארען
און מחלוקות קען מען קומען
צו דעם רעכטען, ריינעם אמת...

ניין, אומזיסט. — די פילאזאפיע
האט אין זיך אזא מין קליפה —
ניט פאר אייך געדאכט — עס קארטשעט,
ברענט און שטעכט; עס ציהט, עס ווילט זיך
איבעררייידען, איבערשרייען...
צוואנציג יאהר האט זיך געצויגען
דער ופּוּח, די מחלוקה,
ביז דער טוידט איז אנגעקומען
און געזאגט: „געגוג, רבותים! —
צוואנציג יאהר האט איהר געשריען,
צייט שוין אייך זיך אבצורוהען...
קומט מיט מיר איך וועל אייך פיהרען
אין אנ׳ארט וואו איהר וועט אפשר
מיט אמאל דערגעהן, דערוויסען,
וואו עס ליעגט דער רעכטער אמת״...

II.

אויף דער קירכע אין נאווארא
קלינגען טרויעריג די גלעקער;
און א רייכער, שעהנער טרונע
ליעגט דער אלטער פרא־דיעגא.
און בית־מדרש אין נאווארא

זאגט דער גאנצער עוֹלם תּהלים,
וויינט און קלאגט... אומזיסט — עס העלפט ניט:
רבֿ יוסף איז געשטארבען.

ווייט פון אונזער נאריש וועלטיל
אין דער לופט אלץ העכער, העכער
צו דעם ווייטען בלויען הימעל
פליהען — שוועבען צוויי נשמות:
פּראַ־דיעגא און רבֿ יוסף...
(„סטייטש! ווי הייסט? ווי איז עס מעגליך?
— פרעגט איהר — הא? א יוד א למדן
און אינ׳איינעם אויפ׳ן הימעל
מיט א...” אמת, קינדער! אבער
וואונדערט זיך ניט: איך דערצעהל דאך
אייך א מ ע ש ה ש ל א ה י ה,
א געשיכטע, ווי די וועלט זאגט,
„ניט געשטויגען, ניט געפלויגען.”
פרעגט־זשע, כ׳בעט אייך, ניט קיין קשיות,
זוכט ניט, כ׳בעט אייך, דא קיין חידות,
און הערט בעסער אויס מיין מעשה.)
פּראַ־דיעגא און, להבדיל,

רבּי יוסף, זענען בּיידע,
ווי מען זאגט, שוין אבּגעקומען
דאס פערפינסטערט, נאריש וועלטיל —
און צום ווייטען, בּלויען הימעל
שוועבּען, פליהען צוויי נשמות
פון צוויי גוטע, פרומע שכנים,
פון צוויי גרויסע, בּייזע שונאים.
„נו, אצונד — מיין ליעבּער שכן —
טראכט דער אלטער פּרא־דיעגא:
גרייט זיך נאר, אקארשט, מיין ליעבּער!
איך וועל דיר שוין גוט אויסצוואגען.
א, ווארט אויס, ווארט אויס א בּיסעל,
וועסט שוין וויסען, וועסט שוין פיהלען,
ווער עס איז גערעכט געוועזען...
גרייט זיך, גרייט זיך, רבּי יוסף!
און דער אלטער פּרא־דיעגא
שטעלט צונויף אין קאפּ א לאנגע,
גרויסע, שרעקליך־גרויסע רעדע
פול מיט למדות און מיט חכמה.
די הקדמה צו דער רעדע
וואלט אליין כּמעט פערנעהמען

א מסכתא בבא־קמא...
א, דער אלטער פרא־דייעגא
איז ניט פויל — זיין גאנצע למדות,
די פירושים׳לעך און פשט׳לעך,
אלע מליצות, אלע גראמען,
גמטריאות און נוטריקון —
אלץ פערמישט ער אלץ פערקנייט ער
אין דער לאנגער שארפער דרשה.
און די דרשה ווערט אלץ גרעסער,
טיעפער, שארפער... „נו, רב יוסף —
טראכט דער אלטער פרא־דייעגא:
אי, א באד וועסטו דאס האבען,
אי, א צוואג! — דעם גרעסטען שונא
וואלט איך, כ׳לעבען, ניט געוואונשען
אויף דיין ארט צו זיין, מיין ליעבער,
טרייער שכן, רבי יוסף!
טייער, טייער וועט דיר קאסטען
וואס איך בין פון דיר אין לעבען
אויסגעשטאנען!״...
אט־אזוי
טראכט זיך, שוועבענדיג צום הימעל,

פראַ־דיענאַ. און רב יוסף?
אַ, רב יוסף איז פערנומען
גאָר מיט אנדערע מחשבות,
פּאָליטיק און פילאָזאָפיע
האָט ער גאָר אין גאַנץ פערגעסען;
איין געדאַנק און איין געפיהל
זיצט ביי איהם אין קאָפּ, אין הארצען:
היינט וועט דאָך מקוים ווערען
די מחשבה פון זיין גאַנצען,
גאַנצען לעבען... אַך, דאָס בעסטע
און דאָס טייערסטע, דאָס ליעבסטע,
וואָס ער האָט געגאַרט פון קינדהייט
מעהר פון אַלע פערגעניגענס,
דאָס וועט ער לסוף בעקומען:
אין גן־עדן אין גן־עדן
פליהט אצונד דאָך רבי יוסף!!!...

קינדער מיינע, ליעבע קינדער!
אַך, ווי גוט איז דאָרט, ווי ליעבליך,
ווי געשמאַק איז אין גן־עדן!...
וואָס? איהר מיינט, ווייל דאָרט איז ליכטיג,

ווארעם, פריש, עס פליהען פויגעל;
פליהען, שוועבען, זינגען שירה;
וואונדער־שעהנע בוימער וואקסען,
וואונדער־שעהנע בלומען בליהען,
פון קריסטאל, פון גאלד און זילבער
שטעהען פאלאצען און שלעסער —
אבגעשפיעגעלט אין די ריינע,
זילבער־קלאהרע קוואלען, שטראמען.
אייביג וואקסען יענע בוימער,
אייביג בליהען יענע בלומען,
און די פויגעל מיט די שטראמען
און די בלומען מיט די שטערען
גיסען דארט צונויף די שטימען
מיט די שטראהלען, מיט די ריחות
אין א ליעבען שיר־המעלות —
אין א זיסען לויב־געזאנג.
און די גליקליכע נשמות
טהוען אייביג דארט געניסען
פרייד און פרייהייט, רוה און פריעדען?
אט מיט דעם איז דער גן־עדן
א גן־עדן?... קינדער, קינדער!

בוימער, פויגעלעך און בלומען —
נארישקייט!... צו וואס? ווער דארף עס?
ווען מען קערט דאס אן, איך בעט אייך?!
אין גן־עדן, מיינע ליעבע,
איז פאראן עפעס אנדערש,
עפעס בעסערס פון די אלע
פוסטע זאכען... וואס? איהר פרעגט נאך?
סטייטש! אט דארט איז דאך דער מקור
פון דער תורה. אלע גרעסטע
אלע טיעפסטע, שארפסטע מוחות,
וואס די וועלט האט נאר געזעהען,
זענען אלע דארט בכנופיא:
אין א גרויסען, שעהנעם גארטען
שטעהט א גרויסער, שעהנער פאלאץ;
אין דעם גרויסען, שעהנעם פאלאץ
שטעהען לאנגע בענק און טישען;
גרויסע שאפעס פול מיט ספרים
ביי די וועגד, אין יעדען ווינקעל.
און ארום די לאנגע טישען
זיצען זיי די גרעסטע לומדים
און גאונים... בערען! לייבען!...

אלע קשיות, אלע תיקו׳ס,
אלע חידות און פלפולים —
זענען דארט שוין לאנג פערענטפערט...
וואס? עס איז אייך עפעס קשה
א׳נ׳ם תוספות? — געהט צום תוספות!
דער מהרש״א ניט גלאט א ביסעל?
פרעגט, זייט מוחל, געהט, און זיצט ער;
פרעגט, ער וועט אייך אלץ בעשיידען,
מאכען אלץ אייך קלאהר, פערשטענדליך...
אלע ל״ב מְפָרְשִׁים
זיצען דארטען; אויף די קעפ
שיינען, בליצען כתרי־תורה,
און די שכינה רוהט אויף זיי...
גאט דו מיינער! וואס קאן בעסער,
ליעבער זיין פון דיין גן־עדן?!...
פרא־דיעגא... ע, אנ׳עסק,
געה און האב מיט איהם וכוחים!...
קום אהער, דו גראבער יורקע,
וויז זיך נאר ארוים מיט דיינע
ווילדע פשט׳לעך, וויסטע דרשות;
קום, מ׳וועט דיר דא אזעלכע

תרוצים געבען, אז דו וועסט שוין
אייביג מעהר קיין קשיות פרעגען!...
אט אזוי טהוט ביי זיך טראכטען
רבי יוסף... ווייט פון אונזער
נאריש וועלטיל, העכער, העכער
צו דעם טיעפען, בלויען הימעל —
פליהען, שוועבען צוויי נשמות,
און אין גיכען וועלען קומען
זיי אהין צום גרויסען בית־דין,
וואו עס וועלען קלאהר, פערשטענדיג
ווערען אלע שאלות, קשיות,
אלע חידות, אלע תיקו׳ם,
און זיי וועלען שוין דערוויסען
דארט דעם רעכטען, ריינעם אמת...

III.

און וואס ווייטער, און וואס העכער,
ווערט די לופט אלץ קלאהרער, בלויער
און די שטערען ווערען גרעסער,
שיינען ליכטיגער און העלער;
און וואס ווייטער און וואס העכער
און וואס נעהענטער צום בית־דין,

ווערט רבֿ יוסף'ן אלץ זיסער
און געשמאקער אויפ'ן הארצען.
און דער אלטער פרא־דיעגא
ווערט אלץ מעהר צוקאכט, צוזאדען:
„ווארט נאר, ווארט, דו וועסט שוין וויסען,
ווסט שוין פיהלען, ווער גערעכט איז,
ווער פערשטעהט...
נאר, סטאפּ! אט איז שוין
זייער ציעל — גענוג צו פליהען...

פרא־דיעגא און רבֿ יוסף...
אך, ווי באלד עס האט זיך שטיל
אנגעהויבען אויפצומאכען
דער בעקרוינטער, וואונדער־שעהנער,
גרויסער טויער פון גן־עדן;
האט אויף ביידען אין איין רגע
א מין בליץ געטהון פון דארטען,
אז זיי זענען באלד פערטומעלט
און פערבלענדט געווארען ביידע!...
אלע ווערטלעך, אלע פּשט'לעך,
גמטריאות און נוטריקון

זענען באַלד בײַ פּראַ־דיענאַ
פֿונ׳ם קאָפּ אַרױסגעפֿלױגען.
רבי יוסף איז געבליבען
װי פֿערגליװערט, װי פֿערפֿרױרען,
האָט אַפֿילו ניט פֿערשטאַנען
װאָס עס רעדט צו איהם דער בת־קול
דאָרט פֿון אױבען, פֿון דעם גרױסען,
בלױען װאָלקען מיט די לאַנגע
העלע שטראַהלען האָט געציטערט
און געפֿרידערט װי אין קדחת...
. . . .
. . . .

אין זיך איז צו־ערשט געקומען
פּראַ־דיעגאַ, דער קאַטױליק:
האָט זיך אױסגעװישט די אױגען,
האָט זיך אױסגעהוסט גאַנץ רוהיג,
דעם געגאָלטען קאָפּ אַבּיסעל
אױפֿגעהױבּען, און פֿון זײַנע
דיקע, פֿעטע, רױטע ליפּען
האָט זיך אָנגעהױבען גיסען

די בעריהמטע לאנגע דרשה.
האלב פון איהר איז איהם אפילו
פונ׳ם קאפ ארויסגעפלויגען;
צעהנדליג פסוקים, גראמען, מליצות
האבען זיך ווי באב צושאטען.
עס איז אבער אויך ניט ווענינ.
דאנקען גאט, ביי איהם געבליבען.
„— א, דו האר פון אלע הארען!
האט ער האסטיג אויסגעשריען —
טהו אצונד דיין אויהער נויגען
צו דיין קנעכט. פערנעהם מיין תפלה —
גרויסער ליעבער גאט! איך בעט דיך:
לאז דיין גרימצארען טהון פאלען
אט אויף דעם פערפלוכטען יודען,
וועלכער שטעהט פאר דיינע אויגען!
לאז דיין שטראף אויף איהם טהון פאלען
פאר דער חוצפה, פאר דעם עזות
וואס ער טראגט אין זיין פערגראבטען.
בייזען הארצען!... ליעבער פאטער,
מיין בעשעפער, מיין בעשיצער!
טהו מיט מיר דיין גרויסען חסד

און בעשטראָף איהם ווי עס קומט איהם
פאַר זיין חוצפּה!... הערט א ביסעל:
„איך בין, זאָגט ער, ביי דעם בורא
א בן־יחיד, א מיוחס,
ווייל איך בין געוועזען דער ערשטער,
וועמ׳ער עס האָט די ליעבע תּורה
און דעם עבטען, ריינעם גלויבען
אויף דער וועלט געבראַכט פאַרצייטען...״
נו, בקיצור, כ׳וועל ניט ספּאַרען,
אפשר איז דאָס טאַקע אמת...
ווייס איך... זאָל זיין יאָ... נו, מילא,
און אז יאָ, איז וואָס געוואָרען? —
איך ווייס אָבער און א גאַנצע
וועלט קאָן זיין אויף דעם אנ׳עדות —
אז דאָס ערגסטע און דאָס שלעכטסטע
פאָלק פון אַלע זענען זיי —
די פערשאָלטענע אויף אייביג,
בייזע יודען! אך, עס איז דאָך
פּשוט גאַרניט צו בעשרייבען
וואָס מען האָט פון זיי געליטען
זינד זיי זענען פון מצרים

ארויסגעגאנגען און ביז איצטער...
אבער מעהר ווי אלע פעלקער
האבען מיר פון זיי געליטען,
מיר די שפאניער!... ליעבער גאט!..."
(פרא־דיעגא האט א טיעפען,
טיעפען זיפץ געטהון; צוויי גרויסע,
הייסע טרעהרען, ווי צוויי פערעל,
האבען זיך אראב געקייקעלט
איבער זיינע דיקע באקען).

"– גאט דו מיינער! – האט ער ווידער
אנגעהויבען – ליעבער פאטער!
וויפיעל שלעק און וויפיעל צרות
איז אויף אונזער קאפּ געפאלען!
וויפיעל געלד און צייט און טרחה
האט געקאסט אונז אט דאס קליינע,
שוואכע אומה'לע! בערעכענט,
אלץ, וואס אונזער לאנד איז נעבעך
אויסגעשטאנען פון די יודען...
גוואלד! עס איז דאך א רציחה!
וויפיעל האלץ און וויפיעל קוילען

איז אויף איהם פערבערענט געוואָרען
אויף דעם קרבן כּוֹלוֹ־כּליל,
אויף די הייליגע מזבחות
פון די אאוטא־דא־פע!
וויפיעל שטריק און וויפיעל בייטשען
האבען מיר אויף איהם צוריסען!
וויפיעל טורמעס און אסטראָגען
האבען מיר פאר איהם געסטרויעט!
וויפיעל מוסרים און דַיָנִים
וויפיעל שומרים, וויפיעל תַּלְיָנים
האבען מיר פאר איהם געהאלטען.
שׁכירוֹת זיי געצאהלט, געשריבען
און געדרוקט פאר זיי די דינים,
די מנהגים און די סדרים...
וויפיעל וואקס און וויפיעל ווייערך
האט מען אויסגעבראכט אין שפּאניען
אויף די יודען; שרעקליך, פּשוּט!
און דאס אלץ – אי געלד, אי טרחה –
נאָר פון עוֹלם־הבא וועגען...
און דערביי – ווי פריינדליך, ליעבליך
פלעגען מיר זיך טהון בעגעהן

אט מיט די פערפלוכטע יודען! —
קיין געצאהלט פון זיי געפאדערט
ניט פאר ודוי, ניט פאר קבורה;
די אלמנות און יתומים
פלעגען מיר פערזארגען פריינדליך
מיט א בגד, מיט א דירה
אין די רוהיגע און שטילע
קלויסטער־הייזער, מאנאסטירען.
ווי מען זאגט — פאר לייט געמאכט זיי...
נו, און דאס איז אלץ נאך וועניג.
נאך עד־היום קענט איהר הערען
פון א יודען קללות, חרמות
אויף דאס ארים פאלק פון שפאניען.
ס'איז ניט אויסצוהאלטען פשוט!...
וואס? פאר וואס? דאס איז דאך ממש
א רציחה! א רציחה!...״
אט אזוי האט פרא־דיעגא
לאנג און לאנג גערעדט, גע'דרשנ'ט
פאר דעם בית־דין. ווי א לעמפערט
האט געברומט ער און געדונערט.
יעדעס ווארט האט ווי א האמער

און רבֿ יוסף'ס קאָפּ געשלאָגען,
האָט אים דורך און דורך געשטאָכען
און געשניטען ווי א מעסער.
א רחמנות איז געוועזען
אויף דעם אַלטען מאן צו קוקען:
יעדעס גליעד און יעדער אָדער
האָט געציטערט ווי פֿון פֿיעבער.
און בשעת פּראַ־דיעגאָ
האָט געענדיגט, און דער בת־קול
האָט געווענדעט זיך צום דַיָן
רבי יוסף פֿון נאַוואַרא
מיט די ווערטער: „נו, רבֿ יוד,
וואָס האָט איהר אויף דעם צו זאָגען?"
איז דער אַלטער רבי יוסף
אויפגעשפּרונגען, לאָ־עליכם,
ווי אַנ'עבטער חסר־דעה
און משוגע'דיג דערשראָקען
האָט ער אַרויסגעלאָזט א ווילדעס,
גרויס געשריי פֿון טיעפען האַרצען:

— „שמע ישראל! שמע ישראל!
אונזער גאט איז איינער!... איינער!!!...“
„— נו, און דאס איז גאר אינגאנצען
— האט געפרעגט ביי איהם דער בת־קול —
האסט מעהר גאר ניט וואס צו זאגען?
נו, בקיצור... ארט מיר אויך ניט...
הערט־זשע אויס אצונד, רבותים,
דעם גזר־דין וואס וועט אויףביידען
טאקע באלד מקוים ווערען:
דער קאטויליק פראַ־דיעגא
קלאגט אויף דעם פארוואס די שפאניער
האבען פיעל געהאט הוצאות
אויף דעם פאלק ישראל, היינו —
האלץ און קוילען, שטריק און בייטשען
צוואנגען, מעסער, ריטער, קייטען...
יא, ער איז גערעכט, — מען מוז איהם
געבען שכר דערפאר... נו, זאל איהם
ווערען אומגעקעהרט מיט רוּח
טאקע דא אין הימעל אלע

צוואנגען, מעסער, קייטען, ריטער
האלץ און קוילען, שטריק און בייטשען
גאר איינגאנצען ביז א ברעקעל...
און דעם יודען רבי יוסף,
וועלכער ברויכט שוין צופיעל גאוה —
מאכט זיך גרוים מיט דעם וואס זיינע
עלטער־זיידעס, עלטער־באבעס
האבען גוטס געטהון פאר לייטען,
און בכן מעג ער שוין זיצען
ווי א פריץ און געניסען
אלדאס גוטס נאר פון זכות־אבות —
איהם דער פסק איז: ער זאל ווידער
גאר פון ניי געבארען ווערען —
ווידער אנטהון זיך א קערפער
אויף דער זינדיגער נשמה.
ווידער וואקסען, ווידער לעבען...
געהט־זשע, געהט, רב־יוד, זייט מוחל,
ווידער אויף דאס נאריש וועלטיל,
געהט אהין און איך בעפעהל אייך

אייביג וואגלען זיך און בלאנזען,
געהן און קריכען אהן אנ'אויפהער
איבער פעלדער, איבער טייכען,
בערג און טהאלען, שטעדט און דערפער
און ניט אויפהערען צו שרייען,
אייביג שרייען:
„שמע ישראל!
אונזער גאט איז איינער, איינער,
איין־און־איינציגער אויף אייביג!...
שמע ישראל! שמע ישראל!...“